NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13410

TSHIKO IN RUSLAND

Arturo Karoti

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּיאָנערן

א. קאַראַטי

קא אין רוסלאנד

קולטור-ליגע

[85—3]

שול-און פיאָנערן-ביבליאָטעק

ארטורא קאראַטי

טשיקא אין רוסלאנד

אידיש — ל. ר.

№ 13

קאָאָפּעראַטיווער פארלאַג
„קולטור-ליגע"
קיעוו — 1926

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק״
4-טע דרוק. וואָראָווסקע גאַס 42.
באַשט. 1209 №, געדרוקט 3000
(אקרהוי־פּטלים 12818 קיעוו)

I. א ווִיכטיקער באשלוס

ס'איז האַלבער טאָג. די זון וואַרפט פייערדיקע פיילן פון טונקל-בלויען הימל און גליט אָן די שטיינער פונם שאָסיי און די ווענט, וואָס באַ דער זייט פון וועג. דער וועג רייסט זיך מיטאַמאָל אָפּ, פאַרלירט זיך אין אַ גרוב אַ פאַרוואַלגערטער מיט שטיינער, גליטשט זיך פון איר אַרויס און לויפט ווייטער. אָט פון דער גרוב האָט זיך באַוויזן טשיקאַ.

ער איז געגאַנגען אַרויף מיטן וועג, פּאַמעלעך, מיט בּידע טריט.

אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ שטעקן און ער האָט מיט אים געפאָכעט און געשפּאָלטן די לופט, גענומען אים אַף די אַקסלען, געצילעוועט זיך מיט אים און געשריגן: בּום! — ווי ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט סאָנים אַף שווערדן, אָדער ער וואָלט געשאָסן אַף זיי מיט אַ בּיקס.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך שוין נאָכגעיאָגט נאָך אַ יאַשטשערקע, וואָס איז געלאָפן אונטער דער וואַנט. ער האָט זיך אַ בייג געטון כאַפּן אַ שטיין - פון דער ערד. אין דער רעגע האָט די יאַשטשערקע זיך אַריינגעגליטשט אין אַ שפּאַלט פון וואַנט.

— אָ-אָ, ס'אַראַ פּייל! — האָט אַ געשריי געטון טשיקאַ און האָט אַ שליידער געטון דעם שטיין פאָרויס. דערנאָך האָט ער גענומען אַן אַנדער שטיין און אַ וואָרף געטון אים אינם ערשטן, וואָס איז געלעגן אינמיטן וועג.

און אַזוי, וואַרפֿנדיק זיך מיט שטיינער, איז ער צוגעקומען ביז פּראָטאָ סטראָצינאָ.

פּראָטאָ סטראָצינאָ איז אַ קליינער פּלאַץ, פֿאַרקלעמט פֿון אַלע זייטן מיט פֿיר אָפּגעקראָכענע ווענט און באַוואָקסן מיט שיטערן גראָז. אינמיטן — עטלעכע ביימער. אין איינעם אַן אַלטן צעצווייגטן בוים איז געווען א גרויסע בוים-הייל. מ'האָט געקאָנט אין איר אַריינקריכן דורך אַ לאָך אין דער קאָרע. דער בוים האָט געוואָרפֿן אַף דער הייסער ערד אַ פֿרישן שאָטן. טשיקאָ האָט זיך צוגעזעצט אַף דער ערד און זיך צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צום שטאַם, מיטן פּאָנעם צו דער זייט פּלאַץ, וואו די וואַנט איז נידעריקער און ס'זעט זיך פֿונדאָרטן אויס פּלאָ-רענציע, מיט אירע טורעמס, קלויסטערס, מיט אירע הייכן, וואָס זיינען גרוי פֿון איילביירט-ביימער, מיט גרינע פֿרוכט-גערטנער, טונקעלע קיפּאַריסן און טאַנען, און פֿונדערווייטן — טונקל-בלויע בערג.

טשיקאַ האָט זיך פֿאַרקוקט אַף די מעכטיקע, רואיקע שפּיצן פֿון די בערג.

פּלוצלינג האָט זיך איבער זיין קאָפּ דערהערט אַ שאָרך, ווי עמעצער וואָלט דאָרט געפּויזעט איבער די צווייגן אָדער איבערן שטאַם פֿונעם בוים.

טשיקאַ האָט אופֿגעהויבן דעם קאָפּ, נאָר אין די בלעטער, וואָס האָבן געגלאַנצט ווי פֿעל, האָט מען קיינעם ניט געזען. און ס'האָט זיך פֿאָרט עפּעס געררודערט!

טשיקאַ איז אופֿגעשפּרונגען און האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין הייל.

די בוים-הייל איז געווען א גראָמע און פֿינף אַזוינע ווי טשיקאַ האָבן זיך געקאָנט דאָרטן באַהאַלטן. נאָר דאָרטן איז גע-ווען פֿינצטער, און איידער נאָך טשיקאָס אויג האָט זיך צוגע-וואוינט צו דער טונקלקייט, האָט עפּעס אַ האַרטע זאַך אים א שטויס געטון אין קאָפּ. טשיקא האָט א הייב געטון די הענט און האָט אָנגעטאַפּט עמעצנס א פּאָר שיך. דאָס אינגל וואָלט

געווים באַשלאָסן, אַז דאָס איז א געהאַנגענער, וואָס טעלעפּעט זיך ווי א ציגגל אין א גלאָק, נאָר אין דער רעגע האָט זיך גע-לאָזט הערן אַ דערשראָקענער געשריי. און טשיקא האָט דערקענט דאָס קאָל.

— ע! טאָפּאָ?! — האָט ער אַ געשריי געטון, אַרויסשלעפּנ-דיק דעם קאָפּ פון הייל.

טאָפּא, א באַרואיקטער, איז אַרויסגעשפּרונגען פון הייל.

— טשיקא!

— וואָס האָסטו דאָרטן געטון? — האָט טשיקא געפרעגט.

טאָפּאָ איז צעמישט געוואָרן פון דער פראַגע. בא אים זיינען שטענדיק געווען הונדערטער סוידעס.

— כ'האָב זיך געשפּילט...

— זאָג דעם עמעס!

— איך... דאָרט איז פאַראַן א לאָך, זעט מען פון איר אויס פּיעזאָלי אַזוי ווי אַף דער דלאָני.

— לאָז נאָר, כ'וועל א קוק טון, — האָט א געשריי געטון טשיקאַ, קריכנדיק אין בוים-הייל.

טאָפּאָ האָט זיך א וואָרף געטון צו אים מיט שרעק און האָט אים א כאַפּ געטון פאר די הענט.

— ניין, דאָרט איז ניטאָ קיין לעכער, דאָס האָב איך געזאָגט אַף קאַטאָוועס, איך קוב אלעמאָל אהערצו אַזוי זיך, מאַכן גימנאסטיק.

— דערצייל דער באָבע דיינער! איך בין נישט קיין נאַר און איך פאַרשטיי. דאָס באהאַלטסטו דאָ דיינע שמאטעלייעס!

— ניין, ניין, ס'איז א ליגן!

— הער אוף! האָב זיך ניט מוירע, איך דאַרף ניט האָבן דיין גוטס. פאַרשטייסטו מיך, — און טשיקאַ האָט אראָפּגעלאָזן זיין קאָל, — סיוויי פאָר איך אַוועק.

— וואָס?

— יאָ. איך פאָר אוועק. איך פאָר קיין רוסלאַנד.

טאָפּאָ האָט נים געענטפערט. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון בוים-הייל און האָט זיך אָנגעהויבן קייקלען איבערן גראָז.

— וואָס, דו גלויבסט מיר ניט? — האָט טשיקאַ געפרעגט, ארויסשפּרינגענדיק אַפן וועג.

טאַטע איז צו אים צוגעגאַנגען און, קאַלופּענדיק מיטן פינגער אין נאָז, האָט ער אים געזאָגט:

— קיין רוסלאַנד? מיינסטאַם וועסטו פליען אף אן אעראָפּלאַן, איאָ?

— דו גלויבסט מיר ניט?

טשיקאַ איז געווען אין כּעס.

— יאָ, קיין רוסלאַנד, טאַקע קיין רוסלאַנד, און איך לאָז זיך אין וועג נאָך היינט אינאָווענט, אָט!

— פּאָר געזונט! אף אף וועמעס כעשבן וועסטו קויפן א בילעט?

— איך וועל גיין צופוס.

טאַטע האָט זיך גענומען קאַטשען פון געלעכטער.

— אָט וועל איך דיר באַלד אזוי פארגעבן, וועסטו שוין וויסן, ווי אזוי לאַכן, — האָט זיך איינדערעמעסן צעבייזערט טשיקאַ.

טאַטע האָט אופגעהערט לאַכן, נאָר ער האָט זיך אויסגעקע-רעווערט צו טשיקען מיט דער פּלייצע. יענער האָט אים גענומען פארן אַרבל.

— ס'גלויבט זיך דיר ניט, ווייל דו ווייסט גאָרנישט ניט. איך האָב שוין אלץ צוגעגרייט.

— און די זאכן שוין איינגעפּאַקעוועט?

טשיקאַ האָט זיך אָנגעבויגן צו טאַטאָס אויער און האָט אים איינגערעאָמט א סאָד...

— זאָלסט קיינעם ניט דערציילן, דאָס איז אַ סאָד. היינט אינאָווענט לאָז איך זיך אין וועג. איך גיי צופוס ביז ליוואָרנאָ. און פון דאָרטן—איינס! און קיין רוסלאנד — איינס און צוויי! מ'וואַרט דאָרט אף מיר.

— ווער?

— זיי.

— ווער—זיי?

—זיי, דאָס איז א סאָד. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט.

— וואָס-זשע וועסטו דאָרטן טון?

— דאָס איז אויך א סאָד. און דערהויפּט איז, וואָס דאָרטן איז אזוי גוט. דאָרט — איז לעניך; דאָרט איז ניטאָ קיין פּאַשיסטן — אָט קיין האָרעלע ניט! דאָרט איז אומעטום ווײַטע פּאָנען. און אַלע זינגען אינטערנאַציאָנאַל...

— איך גיי אויך מיט דיר — האָט א געשריי געטון טאָפּאָ. ער האָט שוין געגלויבט טשיקען.

טשיקאָ האָט אַף אים א קוק געטון פונױבן אַראָפּ.

— ווער—דו? דו טאָרסט ניט. ערשטנס, ביסטו ניט קיין באָלשעוויק.

— איך בין ניט קיין באָלשעוויק?

— דו ביסט געדעכט,— האָט טשיקאָ נאָכגעגעבן: ער האָט זיך דערמאָנט, אַז טאָפּאָ איז געווען איינער פון זײַנע געטרײַסטע אָנהייגער.—נאָר דו ביסט נישט אזאַ באָלשעוויק, ווי איך. פאראן אזוינע סעקרעטן, וואָס דו טאָרסט זיך אין זיי ניט מישן.

— נאָר איך וויל אויך פאָרן!

טשיקאָ האָט ניט געוואוסט, וואָס טוט מען דאָ, ס'האָט זיך אים ווייער ניט געגלוסט באליידיקן זײַן פרײַנט. האָט ער געזאָגט מיט אן ערנסטן טאָן:

— ניין, דו קענסט ניט פאָרן. ווער וועט בלײַבן אין פלאָרענציע, אז דו וועסט אוועקפאָרן? שטעל זיך פאָר, אז איך וועל דארפן עפּעס איבערגעבן אונזערע פרײַנט, נו, לאָמיר זאָגן, אז זיי זאָלן זיך צוגרייטן צו דער רעוואָלוציע, — איז וועל איך דאָך ניט קענען שרײַבן אַלעמען! און אויב דו וועסט זײַן דאָ, וועל איך דיך אָנשרײַבן און דו וועסט דאָ שוין אלץ באוואָרענען!

דערדאָזיקער פאָרשלאג איז געפעלן געוואָרן דעם יאַטל.

— עפשער ביסטו געדעכט — האָט ער געענטפערט, — איך דארף בלײַבן דאָ.

פונדעסטוועגן האָט ער זייער מעקאַנע געווען טשיקען. זיך אַוועקלאָזן קיין רוסלאַנד! ארומפאָרן! פאַרוואָס זאָל טשיקא פאָרן און ער נים? זאָל בעסער טשיקא בלייבן דאָ!

— זאָג, טשיקאָ, — האָט ער צוגעגעבן, — פאַרוואָס זאָלסטו אויך נים בלייבן דאָ? וואָלסטו געקאָנט אָנשרייבן אין רוסלאַנד און...

— איך זאָל בלייבן! — האָט א געשריי געטון טשיקא, — זע נאָר, וואָס ער טראַכט דיר אויס! נאַרישקייטן!

ער האָט געוואָרפן א בייזן קוק אַף פלאָרענציע.

— ניני איז געשטאָרבן, — האָט ער צוגעגעבן, — אַפן אלטן פלוטאָ איז א נעבעך אַ קוק צו טון. שלאנג מיינט, אַז ער איז איצט דער גאַנצער באַלעבאָס איבער סאן-פרעדיאנאָ. וואוהין דו זאָלסט נים א קוק טון — זיינען פאַשיסטן, אף יעדן טריט — „זאָל לעבן מוסאָליני!", און בייג די קאָפּ פאר זייערע פאָנען. ניין, צום טייוול! איך פאָר אוועק...

טשיקא האָט זיך א כאַפּ געטון. ער האָט גערעדט צו הויך.

— געדיינק־זשע טאָפאָ, דאָס איז א סאָד!

טאָפּאָן האט פאר דראָסן. ס'האָט זיך אים געגלוסט אַ שטאָך טון טשיקען.

— ווען ווער־סטו דערציילן! האָסט פּאָשעס מוירע בלייבן דאָ.

טשיקא האָט זיך א וואָרף געטון אַף אים ווי אַ קאַץ. טאָפּאָ האָט געכאַפּט א ציטער.

— ניין, ניין, איך האָב געזאָגט אף קאַטאָוועס, — האָט ער א געשריי געטון און האָט זיך געריסן פון טשיקעס הענט. נאָר יע־נער האָט אים געטרייסלט מיט אַלע קויכעס.

— איך האָב מוירע? איך? פאר ווען? עפּשער פּאַר די· צי עפּשער פאר שלאנג? איך וועל זיך מיט אייך אַלעמען איינפאָרען מיט איין האַנט, כ'וועל אייך צעקוועטשן מיט איין פינגער!

דאָס אינגל איז געווען קרעפּטיק, ווי א רוק.

— ס'איז געווען אף קאַטאָוועס, — האָט זיך געריסן טאָפּאָ, — כ'האָב נאָר געזאָגט אף קאַטאָוועס!

— אָט אזוי-זשע רעד! — האָט שטריינג געזאָגט טשיקאַ. ער האָט זיך באַרואיקט.

— הער-זשע, מיר זיינען שטענדיק געווען גוטע פריינט און כאַווריירים.

— יאָ.

— איצט דאַרפן מיר דאָס דערוויין. איך פּאָר אוועק, דו בלייבסט. נאָר — שאַ! תעל איך זיך נאָר דערוויסן, אַז דו פּלוי-דערסט, קער איך זיך אום און צערייב דיך אין אַ פּראָשעק. נו, גיי דיר איצט וואוהין דו דאַרפסט און וואַרט אַף אַ בריוו — האָסט פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען, — האָט געענטפערט טאָפּאָ. — האָב קיין מוירע ניט. איך קאָן האַלטן דאָס מויל, איך וועל קיי-נעם ניט...

— ער וועט נאָך אויספּלוידערן אינגאַנצן, — האָט א טראַכט געטון טשיקאַ.

דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים פּלוצלינג איבערגעקערט אַלע זיינע פּלענער מיט די פיס ארוף.

— און! — האָט ער א געשריי געטון, — דאַכט זיך, אַז ס'איז בעסער דו זאָלסט אויך אַוועקפאָרן מיט מיר.

— נו? — האָט זיך פאַרכידעשט טאָפּאָ, — מיט דיר, קיין רוסלאַנד?

— יאָ, אינצווייען וועט זיין פריילעכער.

נאָר טאָפּאָ האָט שטענדיק ליב געהאַט דערווידערן. וויבאַלד טשיקאַ האָט אים גערופן מיט זיך, איז באַ אים אינגאַנצן אָפּגע-פאַלן דער כיישעק צום פאָרן. ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, ווי גוט ס'וועט אים זיין אין סאַן-פּרעדיאַנאָ, אַז טשיקאַ וועט אוועק-פאָרן. ער וועט דענסטמאָל ווערן דער עלטסטער איבער אַלע כעוורע. און אויסערדעם, ווי קאָן ער דאָ לאָזן אַלע זיינע אויצרעס?

— נאָר אַז איך וועל זיך אָפּזאָגן פאָרן, וועט טשיקאַ מיינען, אַז איך בין אַ שרעקנדיקער, — האָט אַ טראַכט געטון טאָפּאָ, און ער האָט געענטפערט:

— רעכט, איך וועל פאָרן. נאָר... עפשער איז גאָר בעסער מיר זאָלן דאָ ביידע בלייבן. מע דאַרף דאָך אָפּצאָלן שלאָגן פאַר זיינע בעכמיקע שטיינער!

טשיקאַ האָט אַ זיפץ געטון.

— ס'וועט קומען אַ צייט, כ'וועל זיך נאָך מיט אים אָפּרע־כענען, נאָר דאָ וועל איך ניט בלייבן. דו ווייסט וואָס פאר אַ טאָג היינט איז?

— דער ערשטער מאַי.

— נו, אָט! דער ערשטער מאַי! און אַלע אַרבעטן. קיין איין רויטע פאָן איז נישטאָ! דאָ בלייבן? ניין, אַ פייג: איך גיי אוועק. איך וויל אַהין, וואו דער ערשטער מאַי איז אַ יאָנטעוו. אַן עמעס האָט געכטן געזאָגט דער אַלטער טאָניאַ: „איצט זיינען מיר קנעכט, און גאָר!״

— קום! איך לויף עסן וואַרעמעס, — האָט געזאָגט טאפא.

— גיי, איך בין ניט הונגעריק...

טאָפּאָ האָט זיך געלאָזן לויפן, נאָר דערנאָך האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט. אים איז אַריין אין קאָפּ, אַז טשיקא קען זיך דאָרט פאַרקלייבן אין זיין סעקרעט, אינעם בוים־הייל.

— קום, טשיקא, — האָט ער איבערגעכאַפּט. ער האָט זיך אומגעקערט און אים גענומען פאַר אַ האַנט. — מיר דאַרפן זיך דאָך נאָך צעזעגנען. נאָך וואַרעמעס דאַרף איך גיין אין סאָן־ניקאָלאָ, וועלן מיר קיין צייט ניט האָבן אָפּרעדן, איך ווייס דאָך ניט, וואָס דאַרף איך טון נאָך דיין...

טאָפּאָ האָט זיך פאַרכאַפּט, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט מאַסקים געווען פאָרן צוזאַמען מיט טשיקען.

— מיר האָבן זיך נאָך ניט צעזעגנט, וואו וועלן מיר זיך באַגעגענען אינאָווענט, — האָט ער פאַרענטפערט.

טשיקאַ האָט ניט באַמערקט דעם אויסדרוק פונעם יאַטל, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז טאָפּאָ איז גערעכט, און ער איז מיט אים אַוועקגעלאָפן ביז אַראָפּ מיטן וועג. דער סעקרעט אינעם בוים־הייל און אַלע אוצרות טאָפּאָס זיינען געבליבן אומער געפּאַר.

II. ער קלייבט זיך אין וועג

— דאָס, וואָס טשיקאַ האָט גערעדט, איז ניט געווען קיין פּראָסטע פּלאפּלעריי. דאָס איז געווען אַ גוט דורכגעטראַכטער פּלאַן, און טשיקאַ האָט לאַנג און אויספירלעך געשמועסט וועגן דעם מיט פּלוטאָן.

איצט איז שוין דער באַשלוס געווען אָנגענומען און מע האָט געדאַרפט אָנהייבן טון.

אַז די אינגלעך האָבן אויסגעפּעלט דעם שלאַמבאָן, האָט טשיקאַ זיך געזעגנט מיט טאָפּאָן.

— נו,—האָט ער געזאָגט,—איך וואַרט אויף דיר נאָך זונפאַרגאַנג באַם אינזל אויף דער גרעבליע. ביז רוסלאַנד איז ווייט, און איך וויל אומזיסט קיין צייט ניט פאַרלירן. ווי נאָר די זון וועט פאַר־גיין, לאָז איך זיך אין וועג און איך וועל אויף דיר ניט וואַרטן. זע נאָר, זאָלסט ניט פאַרשפּעטיקן.

— האָב קיין מורא ניט, — האָט געענטפערט טאָפּאָ און האָט זיך אַוועקגעלאָזן צו וויא־סאַן־דושיאָוואַני.

טשיקאַ האָט אַ פאַרטראַכטער אַ קוק געטון אויף אים און מיט לאַנגזאַמע טריט האָט ער זיך גענומען צו קאַמאַלדאָלי.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער אַריין אין פּלוטאָס קיך.

דאָרט זיינען געווען עטלעכע אַרבעטער. זיי האָבן צוגעביסן: ווער מאַקאַראָנעס, ווער פּאַסאָליעס.

פאַר יעדערן פון זיי איז געשטאַנען אַ האַלבע גלאָז וויין און אַ גראַפין מיט וואַסער.

באַם שיינק־טיש האָט פּלוטאָס איידעם עפּעס גערעדט וועגן פּאָשיסטן.

פון קיך האָט זיך געטראָגן דער רייעך פון געבראָטן פלייש און אַ קלאַפּעריי פון טעלער.

— אַ גוטער מאָרגן אייך און האָט אייך אַ גוטן אַפּעטיט! — האָט הילכיק אַ געשריי געטון טשיקאַ און איז איבערגעלאָפן אין קיך אַריין.

— נ—יאָ-אָ, איצט מיט אַפּעטיט! באַ אונזערע פאַרדינסטן! — האָט אַ שמייכל געטון איינער פון די ארבעטער.

— מעגלעך, אַז ס'ליינט ניט, — האָט אַ זאָג געטון אַ צווייטער און האָט איינגעביסן די ציין אין אַ לוסטע ברויט.

אין קיך האָט פלוטאָס טאָכטער עפּעס געמישט אין אַ קעסעלע, און די אלטע באַדינערן האָט געוואַשן די טעלער. פלוטאַ אַליין איז געזעסן באַם טיש מיט אַ שטיקל ציגאַר אין די ציין און מיט אַ זויערער מינע.

— אַ גוטער! — האָט טשיקאַ געזאָגט.

— אַ גוטער! — האָבן אַלע אין איין קאָל געענטפערט.

— זעץ זיך, קליינער, — האָט פלוטאָ געזאָגט. — גיב אים עפּעס אָפּעסן — האָט ער געבעטן די אַלטע.

— כאַפּ זיך ניט, פּעטערל, איך בין ניט הונגעריק. לאָז, איך וועל פריער העלפן וואַשן דאָס געשיר.

— לאָז, לאָז, פריער עס אָפּ, און דערנאָך קענסטו טון, וואָס דו ווילסט.

טשיקאַ האָט גענומען באַ דער אלטער אַ טעלער זופּ און האָט זיך געזעצט צום טיש. ער האָט זיך באַהאָפּנט מיט אַ לעפל און האָט זיך גענומען דאָרשטיק זופּן דעם געשמאַקן מאַיכל. פלוטאָ האָט אַף אים געקוקט מיט ליבע.

דערנאָך איז אַ שאָטן דורכגעלאָפן איבערן אַלטנס פּאָגעם און ער האָט געזאָגט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— נו, נו, אָט האָסטו דיר אַן ערשטן מאַי!

טשיקאַ האָט זיך פאַרכלינעט און האָט זיך פאַרהוסט.

— מע קען פייגערן, — האָט ער אַ בורטשע געטון.

— אונזער אָרעמע פלאָרענציע! — האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ פלוטאָ — אונזער אָרעמע איטאַליע!

— נו, איך פאָר! איך האָב, פּעטערל, באַשלאָסן זיך לאָזן אין יועג נאָך היינט אינאָוונט.

דער אלטער פלוטאָ איז צוגעגאַן צום אינגל און האָט אים אַרומגעלייגט זיין צעקנייטשטע האַנט אַפן קאָפּ.

— כ'האָב היינט באַנאַכט געטראַכט וועגן דיר, טשיקאַ, און ס'האָט מיך אָנגענומען אַ מוירע דיך אָפּלאָזן. מאַלע וואָס ס'מאַכט זיך! קענסט אומקומען. וועסט פאַלן ערגעץ אונטער אַ פלויט, אָדער דו וועסט אַריינפאַלן צו די פאַשיסטן אין די לאַפּעס, — נאָר דיין נאָמען וועט בלייבן! זיי בעסער דאָ, עפּשער וועט זיך איבערבייטן.

— וואָס וועט זיך דאָ איבערבייטן? ניין, זאָל זיין גענוג. און וואָס קען זיך אַזוינס מיט מיר טרעפן? גייען דאָך אונזערע כעווריע אַף אַרבעט קיין שווייץ, קיין פראַנקרייך. נו, און קיין רוסלאַנד איז אַביסל ווייטער. און איך בין דאָך ניט קיין זויג-קינד! און וואָס דו זאָגסט: פאַשיסטן — איז דאָך דאָ אויך קיינער פון זיי ניט באַוואָרנט. איך וועל זיך שוין היטן.

— עפּשער ביסטו גערעכט. פאַרשטייסט, באַכערל, וואָלסטו ניט געווען טשיקאַ, וואָלט איך דיך בעשומויפן ניט אָפּגעלאָזט, ד... איז דאָך אַ מעשוגאַס! נו, אָבער אין דיר בין איך זיכער. איך האַלט אַזוי: טאָמער איז שלעכט, קערסטו זיך אום פונמיטן וועג, פון ליוואָרנאָ.

— נו, ניין! אַף דעם בין איך ניט מאַסקים.

— נו, יאָט, דו ביסט אַ בעריע — ווען איך בין אינגער, וואָלטן מיר אַוועק אינייעם. נו, מיר איז שוין ניט לאַנג געבליבן שלעפּן דעם יאָך, — כ'וועל אינגיכן פּייגערן.

— לאָז אָפּ, פעטערל! וואָס רעדסטו!

— איך ווייס, וואָס איך רעד. מע קען מיך שוין איצט ניט דערקענען. דיך באַהאַלטן, ווי אַ מויז, און איך זיץ. און פאַרוואָס? דערפאַר וואָס איך ווייס, אַז קיין אייזערנע וואַנט קען מען ניט דורכשלאָגן. שוין געווען דאָ באַ מיר איינמאָל פאַשיסטן — גענוג פון מיינעטוועגן. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן, מיך צעבראָכן, און פאַרטיק. טויגעניכטסן! צוואַנציק אַף איינעם. כ'וועל זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן די אַכט טעג, וואָס איך בין נאָכדעם אָפּגעלעגן אין בעט. און איצט קומען זיי צוגיין. פאַרנעם זיך מיט זיי, זיי העלפן. טאָמער ניט, פאַלט ווידער אַראָפּ אַ שטראָף-אָפּטייל.

אָ, כ'וואָלט זיך שוין מיט זיי פאַרנומען! ווי איך פאַרשטיי! נו, נאָר גיי טו! אַז דו ביסט ארומגערינגלט מיט שפּיאָנען און מיט פאַרעטער. שוין בעסער פייגערן!

— האָסט דאָך אליין ערשט, פעטערל, געזאָגט, אז ס'וועט זיך איבערבייטן!

— מאלע וואָס איך האָב געזאָגט. וואָס וועט זיך דאָ איבערבייטן, אַז די בעסטע זיינען געשטאָרבן, אָדער זיי פוילן אין טורמעס, און די איבעריקע זיינען אין וועג? דערמאָן נאָר, אַז דו ביסט אַ מענטש, און באַלד טוען זיך אַ שאָט אַף דיר קלעפּ, סטוסאַקעס און שפּעטער קאַטאָרגע, א קויל, אָדער אַ זעק פון אַ קינזשאַל.

ניט טשיקאַ און ניט די פריערן האָבן ניט געענטפערט דעם אַלטן. די שטילקייט האָט איבערגעריסן דעם איידעמס קאָל.

— דערלאַנגט אַ פאָרציע געבראָטנס מיט שפּינאַט.

טשיקאַ האָט אַ שפּרונג געטון, גענומען באַ פלוטאָס טאָכטער דעם טעלער און אַוועקגעטראָגן אין קלייט. אַז ער האָט זיך אומגעקערט אין קיך, איז אפן טיש געשטאַנען אַ טעלער מיט פלייש.

— עס, קליינער, — האָט פלוטאָ געזאָגט, — היינט דאַרף באַ אונז זיַין אַ צווייענדיקער יאָנטעוו: דיין אָפּפאָר און דער ערשטער מאַי. נעם אַביסל וויין. — דער אלטער האָט אים דערלאַנגט אַ האַלבע גלאָז וויין.

טשיקאַ איז געווען גערירט און גליקלעך, גליקלעך ביז גאָר. אַפן טיש איז פאַר אים געשטאַנען אַ הייסער שמעקנדיקער טעלער מיט פלייש, מיט גרינעם שפּינאַט, און דאָס אלץ איז געווען באַגאָסן מיט גרויסאַרטיקן גאָלדענעם פּאָמידאָר-סאָאוס. דער יאַט האָט זיך גענומען קייען אַזוי, אַז ס'האָבן געקנאַקט באַ אים די קינבאקן. דער אלטער האָט אַף אים געקוקט מיט ליבע, ווי אַף אן אייגענעם זון.

— הער נאָר, יאַט, קיין געלט אַף אַ בילעט ביז ליוואָרנאָ וועט באַ מיר ניט קלעקן. כ'האָב גערעכנט צונויפנעמען צווישן גוטע ברידער, נאָר איצט דאַרף מען יעדער איבעריקן גראָשן

אָפּגעבן פאַר די מישפּאָכעס פון די אומגעקומענע אָדער פאַר-שפּאַרטע. ביז ליוואָרנאָ וועסטו מתן הייבן פּיס. דעם וועג וועסטו געפינען גרינג. גיי די גאַנצע צייט מיטן טייך אַרנאָ—און פאַר-טיק. אינאָווענט כאַפּ זיך אריין,—מע וועט דיר דאָ צוגרייטן אַ טאָרבעלע מיט ברויט און נאָך מיט עפּעס. אַמאָל זיינען באַ מיר געווען פריינט אין יעדער געסל און אין יעדן טויער. נאָר איצט טאָר מען קיינעם ניט פאַרגלויבן. דער רויך ווייסט, וואָס איז געוואָרן מיט די מענטשן. נאָר איינעם קאָן איך יאָ, וואָס וועט דיר געוויס העלפן. אַז דו וועסט אָנקומען אין ליוואָרנאָ, געפין וויאַ-דעל-אנדזשעלאָ, נאָמער... נאָמער פופציק. פאַרגעס-זשע ניט, פונקט אַ האַלבע מייע, דער דריטער שטאָק. זאָלסט זיך פרעגן דאָרט אַף אריסטידן... ווי הייסט ער דאָרט?—אריסטיד באַנדיעראָ. וועסט געדיינקען?

— פאַרשטייט זיך! אַריסטיד באַנדיערא, דריטער שטאָק פופציק, וויאַ-דעל-אנדזשעלאָ.

— דאָס איז מיינער אַ גוטער כאַווער, אַן אַלטער יאַם-מאַן. ער פאַרמאָגט אַביסל געלט און צוויי באַרקאַסן אפן יאַם, ער איז דאָ געווען אַ כוידעש צוריק, און ער איז אזוי ווי געווען, נישט איבערגעביטן זיך אַף קיין האָר ניט. זאָלסט קומען צו אים פון מיין נאָמען און זאָלסט אים דערציילן אַזוי ווי ס'איז. זאָלסט אים זאָגן, וואוהין דו קלייבסט זיך, און ער וועט טון, וואָס ער וועט נאָר קענען. כ'וואָלט אַוואדע געוואָלט דיר העלפן נאָך מיט עפּעס, נאָר איך ווייס ניט ווי אַזוי. זיי האָבן מיך אָפּגעשונדן. די היצלעס!

דאָס אינגל האָט ניט אויסגעהאַלטן און האָט זיך אַ וואָרף געטון דעם אלטן אַפן האַלז. איבער זיינע באַקן האָבן גערונען טרערן. ער האָט אין איין צייט געלאַכט און געוויינט. דער אלטער פלוטאָ האָט ניט געוואָלט ווייזן, אַז ער לאָזט אויך אַ טרער, האָט ער נאָך אַמאָל אָנגעצונדן זיין שטיקל ציגאַר און האָט זיך גענו-מען בלאָזן, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו.

— נו,—האָט פלוטאָ געזאָגט, ארויסלאָזנדיק אַ גרויסן קנויל רויך,—איצט ווייסטו שוין, וואָס דו האָסט צו טון. עס אָפּ און

לייג זיך צו, שלאָף אַביסל. כ׳וועל דיך אופוועקן צו זיבן אַזייגער.

— מיר ווילט זיך ניט שלאָפן.

— שלאָף, שלאָף, ווילדער דו, ס׳וועט דיר ניט שאטן. אַניט וועסטו אַנשלאָפן ווערן אין וועג. עפשער וואָלט טאַקע בעסער געווען זאָלסט ארויס אינדערפרי.

— ניין, אַלע אינגלעך ביז סיני קענען מיך דאָ. איך דארף ארויס אומבאמערקט.

— ביסט אַ כעוורעמאן, טשיקאַ, אף מיין וואָרט אַ יאט, — האָט פלוטאָ געזאָגט. — עס אָפּ. טרינק אָפּ, און אין בעט אריין אָן טאַינעס. דער אלטער איז ארויס אין קלייט.

III. אָנהייב פון דער רייזע

וואָס איז דאָס פאַר אַ אינגל טופעט איבער דער גרעבליע און שליידערט איין שטיין נאָכן אַנדערן אין דער ארנאָ? זאָל דאָס זיין טשיקאַ? אף מיין וואָרט טשיקאַ! נאָר וואָס איז דאָס מיט אים געוואָרן! וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָסטיום! אַ רעקל, הויזן, זאָקן, שטיוועלעך, אַ העמד מיט אַן אָפּגעלייגטן קאָלנער, א רויטער שארף, און די האָר זיינען בא אים אונטערגעשוירן, און דאָס פּאָנעם אויסגעוואשן, אַזש ווייס!

אַף דער ערד ליגט אַ גרוי-גרינס זעקל, אַזאַ ווי זעלנער טראָגן, און אַ מאטראָסיש היטל. אין זעקל—צוויי פּאָר שקאַרפעט-קעס, פיר טיכעלעך, א העמדל, אַ בייגל וואורשט און אַ לאבן ברויט. אין קעשענע פון רעקל — נאָך אַ טיכעלע, אין דער צווייטער—אַ קליין מעסערל מיט אַן אָפּגעבראָכענעם שפּיץ, און אין דער דריטער אין דער זייט-קעשענע—אַ העפט, צוויי קאָנווערטן און אַ שטיפטל.

דריי לירעס קליינגעלט קלינגען אין דער הויזן-קעשענע און נאָך זיבן לירעס זיינען פארנייט אין גארטל פון די הויזן, — יאָ, גאַנצע זיבן לירעס, צוויי פּאַפּירלעך, איינס פון פינף און איינס

פון צווײ לירעס. װעלכער ראָקפעלער קען זיך איצט צו אים גלײכן?

טשיקאַ האָט געשלײדערט אין אַרנאָ אַ שטײן נאָך אַ שטײן. ער האָט דאָך געדאַרפט צו עמעצן אויסלאָזן דעם קאַס, און די שטײנער, װאָס האָבן געשאָסן װי אַ האָגל אין דער װאַסער פון טײך, האָבן אינדערעמעסן געדאַרפט אָנקומען טאָפּען. אוי! װיפל נאָך װעט מען דאַרפן אַף אים װאַרטן?

— יאָ, פלוטאָ און זײן טאָכטער האָבן זיך אַ סטאַרע געטון! און װעראַ אויך, דעם אומגליקלעכן ניניס שװעסטער. דאָס איז דאָך זײן קאָסטיום איצט אַף טשיקען. די העפט און דאָס שטיפטל האָט אים אויך װעראַ געגעבן — ער זאָל שרײבן בריװ, — און דאָס זעקל פּראָװיאַנט און געלט האָט צוגעגרײט פאַר אים דער אַל־טער פלוטאָ.

אַז װעראַ האָט זיך מיט אים געזעגנט, האָט זי אים אָנגע־זאָגט, ער זאָל אלײן קײן אַדרעס ניט שרײבן אף דער בריװ, װײל מע װעט ניט קענען איבערלײענען. זי האָט נאָך אַלץ באַקלאָגט יר ברודער און איר אָרעמען פעטער גאָסטאָ. דער פאָטער איז געזעסן אין טורמע. נאָר ברוטא איז געװען איצט איר טרײסט: אַז ער איז אופגעשטאַנען פון דער היציקער קרײנק, האָט ער זיך אופגעהערט כאַװערן מיט די פאַשיסטן און האָט געלעבט מיט דער שװעסטער, געאַרבעט פאַר אַ געהילף־בוכהאַלטער אין אַ ביכער־מאַגאַזין.

פאַרנאַכט זײנען די גאַסן שטענדיק פול מיט מענטשן, װאָס ציען זיך פון שטאָט אין די פאָרשטעט דורך די טויערן פון סאַן־פרעדיאַנאָ. אַז טשיקאַ האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט װעראַן, מיט פלו־טאָן, מיט זײן טאָכטער און זײן אײדעם, האָט ער זיך ארײנגע־מישט אינם האמוין, און קײנער האָט אים ניט באמערקט, ביז ער איז ארויס אַף דער גרעבליע.

טשיקאַ האָט זיך ארומגעקוקט אף לינקס און אף רעכטס. אַװעקפאָרן פונדאנען און אף אײביק עפּשער פאַרלאָזן דידאָזיקע ערטער, די בערג, די פלעצער און גאַסן!

די זון האָט זיך באַהאַלטן אַף יענער זייט באַרג. אַ ווייכער ווינט האָט זיך פאַרגאַנגעוועט אין בלויען הימל. ס׳האָט אַ גלאַנץ געטון אַ ווייס שטערנדל, ס׳האָבן אַ ציטער געטון די לעצטע ?טראַלן און זיינען פאַרלאָשן געוואָרן. די זון איז פאַרגאַנגען... שיקאַ האָט באַקוקט די גרעבליע ביזן סאַמע בריק. קיין לעבע- דיקער מענטש ניטאָ. טאָפּאָ האָט אָפּגעגאַנגען. טשיקאַ האָט נאָכ- מאָל אַ קוק געטון אַף דער שטאָט און דערזעען, אַז ס׳צינדן זיך אָן די ערשטע לאַמטערנס און ערטערווייס אין די פענצטער פון די ?לאַצן באַווייזט זיך שיין.

דאָס איינגל האָט אַ ציטער געטון. דערנאָך האָט ער זיך אָנ- געבויגן, אופגעהויבן דעם זאַק און פאַרוואָרפן אים אַף דער אַקסל. ער האָט אַנגערוקט דאָס היטל אַפן קאָפּ און, ניט אומ- קוקנדיק זיך, האָט ער גענומען שפּאַנען איבער דער גרעבליע; דערנאָך האָט ער פאַרקערעוועט אין אַ זייט און אַוועק, און אַוועק, און אַוועק. אין אַ שאָ צוויי אַרום איז ער שוין געשלאָפן געשמאַק אַף אַ קופּע היי אין שטאַל בײַ אַ גערטנער אַף יענער זייט גרע- וער בריק.

די שווערסטע מינוטן, די מינוטן פון צעשיידן זיך, איז ער שוין איבערגעקומען, און איצט האָבן זיך דעם איינגל געכאָלעמט וואונדערלעכע כאלוימעס: אַ וואונדערלעך לאַנד, וואו אַלע מענטשן זיינען כאוויירים, וואו אינדערלופטן שווימען רויטע פאָנען און פלאַקאַטן, אַף וועלכע ס׳איז אָנגעשריבן:

„זאָל לעבן דער קאָמוניזם!"

ס׳האָט אים אופגעוועקט דעם גערטנערס קאָל. ער האָט זיך אופגעכאַפּט און אַ געשריי געטון:

— נו, איצט לאָמיר מאַכן דעם טואַלעט!

טשיקעס טואַלעט איז געווען אַ גאַנץ פּאָשעטער. ער האָט פון זיך אָפּגעטרייסלט דאָס היי און אויסגעווישט מיט די קולאַקעס די אויגן. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אַף די שיך.

— פריער פון אַלץ, — האָט ער געזאָגט, — איז אין זיי ניט באַקוועם צו גיין; ניט דאָס וואָס באָרוועסערהייט! און אויסער דעם

איז אַן אווירע. טשיקאַ האָט צוגעבונדן די שיך צום זאַק, פאַרוואָרפן דעם זאַק אפן אקסל און איז ארויס פון שטאַל. ס׳האָט געטאָגט.

סאַנטי איז געווען באַ זיך אַליין אַ באַלעבאָס און אין בייטל איז באַ אים געווען פריילעך. דאָס איז געווען אַ וואוילער יונג, און נעכטן האָט טשיקאַ ניט געדאַרפט זיך לאַנג באַ אים בעטן ער זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן. איצט, אז ער האָט דערזעען דאָס אינגל, האָט ער אים אַ געשריי געטון.

— היי, יאַטל, וואוהין אַזוי פרי? ווילסט מינעסטאָם עסן. גיי אין קיך טרינקען קאַווע.

— אַ דאַנק, פעטערל! — האָט טשיקא געזאָגט.

ער האָט זיך צוויי מאָל ניט געלאָזן בעטן. אין אַ מינוט ארום איז ער געזעסן פאַרן טיש לעבן אַ גרויסן קאַמין. פאַר אים איז געשטאַנען אַ טעצל קאַווע מיט מילך, מיט אַ לוסטע ברויט די גרייס ווי אַ טעלער. טשיקאַ האָט געגעסן און געטראַכט: דער-ווייל ג׳יט מיר ווי אַ געהאנגענעם. ער האָט זיך גיך איינגעפּאַ-רעט מיטן אָנבייסן, אָפּגעווישט מיט דער האַנט דאָס מויל, אָפּגע-דאַנקט און אַרויס אין הויף.

די זון איז נאָך ניט אופגעגאַן, דער וועג איז געלאָפן אַ ברייטער, אַ גלייכער, ווי אַ פייל, טשיקאַ איז געגאַנגען מיט גיכע טריט, און אַלע אייוורים האָבן אין אים געזונגען פון סימכע. דער קאָפּ איז געווען פול מיט פּלענער און כעשבוינעס. אין פינף טעג אַרום וועט ער זיין אין ליוואָרנאָ; עפשער וועט זיך אים איינגעבן אָנקומען אַהין אין דריי טעג אַרום.

אַריסטיד... ווי הייסט ער דאָרט? אַריסטיד איז געוויס אַ גאַנ-צער מאַכער. ניט אומזיסט טראָגט ער אַזאַ נאָמען — אַריסטיד! אַן עמעסער יאַם-נאָמען. פאַרשטייט זיך, אַריסטיד וועט אים גיך אַריבערפעקלען קיין רוסלאַנד. ער וועט דאָס קענען — געוויס. אַניט וואָלט דאָך פלוטאָ וועגן אים אַפילע ניט געטראַכט. און אויב אַזוי — וו-וו-וו-וו! — און ער איז אין מאָסקווע. מאָסקווע! ס׳אַראַ קאָמישער נאָמען. און אז מע נעמט נאָר אָפּ די געדאַנקען, אַז דאָרט איז לענין און קאָמוניזם! מאָסקווע! וו-וו-וו!

עפּעס אַ הינטל האָט זיך אַ וואָרף געטון פון אים אין אַ זייט, און טשיקאַ האָט זיך צעלאַכט. דערנאָך האָט ער גענומען זינגען ־ועגן נאַפּאָלעאָנען. דער סאָף פונם לידל איז געווען אזא:

סט'געדאַרפט פלאצן אין מאָסקווע פון ווייטנען,
סט'דאָך אין מאָסקווע געפונען נאָר ביינער,
נאר טרוקענע, טרוקענע ביינער!

נו, טשיקאַ—איז דאָך ניט נאַפּאָלעאָן. ער וועט דאָרט געפינען עפּעס בעסערס. ער וועט דאָרטן אויפטון אַ וועלט. אוך! אַז און פ ל ו ט אָ, און וו ע ר א, און ר אָ נ ק אָ ל אָ, און ב ע פ אָ, און אַלע, אַלע אנדערע וועלן רעדן פון אים גאנצענע טעג! און שלאַנג? אָט ווער ס'וועט שוין געוויס פּלאצן פון פּארדראָס. שלאַנג־מוסקאָלאָ, גאַנבאַנטשיאָן און אלע אנדערע — פּע — פּאשיסטן!

אָט אַזוי פלוידערנדיק מיט זיך אַליין, האָט ער געשפּאַנט מיט אַלע קויכעס. צו אַכט אַזייגער איז ער געווען שוין ניט ווייט פון ס י נ י. ער האָט אָפּגעקערעוועט פון וועג, זיך צוגעזעצט לעבן אַ וואַנט, אַראָפּגעוואָרפן דעם זאַק, ארויסגעשלעפּט ברויט מיט וואורשט און אָפּגעגעסן. דערנאָך האָט ער דורכגענעצט דעם האַלז באַ א קוואַל און האָט זיך געלאָזט אין וועג מיטן שאָסיי איבערן בריק. דאָ האָט ער געכאַפּט א גוטן ציטער מע זאָל אים עמעצער ניט באַגעגענען פון די באַקענטע און מע זאָל אים ניט דערקענען. ער האָט געקריפּט אין אַ קלייטעלע אַ פונט ברויט און האָט געשטעלט טריט. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן נייע ערטער. ווייטער פון דאַנען איז טשיקאַ קיינמאָל ניט געווען. ס'האָט זיך געוואָלט גיין גיכער און גיכער, נאָר די זון איז שוין געווען הויך און האָט אָנגעהויבן בראָטן, און אין די פיס האָט זיך געפילט אַ מידקייט.

דער זאַמד אַפן ברעג פון ארנאָ איז געווען גלאַט, טרוקן, אָנגעגליט פון דער זון, און די וואַסער איז געווען שפּיגלדיק און

לויטער. ס'האָט אָנגעהויבן אַ כּישעק. טשיקא האָט פון זיך אַראָפּגענומען דאָס אָנטון. אַריינגעשפּרונגען אין דער פרישער וואַסער און זיך געלאָזט שווימען. וואָס, אומזיסט איז ער דען געשוואומען בעסער פון אלע כעוורע אין סאַן-פרעדיאַנאָ? וויפל מאָל איז ער דאָרט געשפּרונגען פונעם אייזערנעם בריק? און דאָרט איז דאָך גוטע צען מעטר — ניט קיין קלייניקייט!

דערנאָך האָט טשיקא זיך אביסל געוואָרעמט אף דער זון, זיך אָנגעטון און ארויס אפן וועג — א מונטערער, אָן אויסגעריכטער, ווי ער וואָלט זיך אגאַנצע נאכט געוואַלגערט אין א באַקוועמער בעט. ער איז נאָך ניט אָפּגעגאַנגען קיין קילאָמעטער, ווי ער האָט דערהערט אונטער זיך אַ קלינגערייַ פון גלעקער און א קלאַפּעריי פון קאָפּיטעס. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט — פון סיני איז געפאָרן צו אים א ליידיקע פור. אין וואָגן איז געזעסן א יונג מיט א גוטמוטיקן פּנים. אז ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן אינגל, האָט ער פאַרהאַלטן דאָס פערד און פריילעך אים א רוף געטון:

— היי, גוטער ברודער, וואוהין שלעפּסטו זיך דאָס?

טשיקא האָט ניט גערעכנט, אז ער שלעפּט זיך גאָר. ער איז געווען אינגאַנצן צופרידן מיט דער ארבעט פון זיינע פיס. נאָר ער האָט זיך אף קיין האָר ניט באַליידיקט און האָט געענטפערט:

— איך גיי קיין עמפּאָלי צו מיין אלטער אָם.

— אף דער אייגענער פּאָר? און וואָס וועט טון די מאַשין?

— פאַר דער מאַשין דאַרף מען האָבן... טשיקא האָט א דריי געטון מיט די פינגער, ווי ער וואָלט געציילט געלט.

— קריך אַהער, אוי, אַזוי, — האָט זיך צעלאַכט דער באָכער, אָפּשטעל'נדיק די פור. טשיקא האָט זיך באַזעצט לעבן אים אף דער שטרוי.

— איך פאָר קיין מאָנטעלופּאָ נאָך טעפּ. פונדאָרטן קענסט פאַר א שאָ צוויי זיך דערשלאָגן קיין עמפּאָלי.

בא טשיקען האָט זיך דאָס מויל צעעפנט ביז די אויערן.

— נו, ווי ס'גייט מיר! אַזוי וועל איך פאָר אַ וואָך צייט זיין אין מאָסקווע, — האָט ער א טראַכט געטון.

דערווייל האָט דאָס באָכערל פאַרוויכערט די לולקע, ארויס־געלאָזן א קנויל רויך און האָט אונטערגעשמיסן דאָס פערד.

— נאָ, דזשאָרדזשיאָ!—אָט אַ פערדל! שטיפעריש ווי אַ לאָ־שעקל! פון סיני ביז מאָנטעלופאָ די גאנצע צייט געלאָפן. אָ־אָ, דזשאָרדזשיאָ! מיר זיינען מיט אים גוטע ברידער, זיך קריגן — דאָס ניט. איך שמועס מיט אים, און ער שאָקלט נאָר מיטן קאָפּ — יאָ, ווי איינער רעדט, ניין, און שפארט! אָט, גוטער ברודער, ווען איך גלויב! ער וועט מיך ניט אויסגעבן, דאָס איז ניט קיין שפּיאָן. איאָ, דזשאָרדזשיאָ? מיר האָבן ארויסגעפירט מיט דיר ניט איין היך־קאָפּ, עמעס? כ׳איז אָבער גוט אויסשטעלן דער פּאָליציע און די פאשיסטן אַ צונג.

טשיקא איז געווען אויסער זיך פון סימכע. ער האָט דעם באָכערל געגעבן צו פארשטיין, אז ער מיט אים זיינען כאווײרים, און יענער האָט אָנגעשאָטן דריי זעק מיט ווערטלעך און האָט אָנגעהויבן דערציילן זאכן, וואָס די האָר האָבן זיך געשטעלט קאפויר: וועגן די מערדערייען פון די פאשיסטן אין די דערפער און זייער צערעכענען זיך מיט די קאָמוניסטן און די סאָציא־ליסטן.

— איך שווער זיך מיט אלע רוכעס, — האָט א געשריי געטון דאָס באָכערל, — אז ס׳וועט קומען א טאָג, דאָס פאָלק וועט זיך אָנעמען מיט קיעך און וועט אף שטיקער צערייסן דידאָזיקע אויס־וואורפן! שוין צוויי יאָר, אז זיי מאטערן אונז... ווען וועט שוין נעמען א סאָף דערצו?

דער מונדשטוק פון דער לולקע האָט א קנאק געטון אינם באָכערס פארקלעמטע ציין.

טשיקא האָט גערעדט ווינציק, מער געהערט, און נאָך מער געקוקט אין די זייטן. דאָס איז געווען אַ ניי לאנד, נישט ענלעך אף די ערטער, וואָס ער האָט געקענט.

ווייט, ווייט האָבן זיך באוויזן היילעך. אף יענער זייט טייך האָט מען אויסגעזען א דאָרף, ווי א טשערעדע שאָף, וואָס קלע־טערט אפן בארג.

— דאָ פּאַריס איז מאַנטעלופּאָ, און אין יענער זייט טייך — קאַפּראַיאַ, — האָט געזאָגט דער באָכער.

אז דער וואָגן איז ארייַנגעפאָרן אין מאָנטעלופּאָ, וואָס איז באוואוסט מיט אירע טעפּ און קריגעלעך, האָט דאָס באָכערל געזאָגט.

— נו, איך בין געקומען. איצט, מיין פריינט, דארפסטו מיט מיר אָפּעסן וואַרעמעס.

טשיקאָ האָט אומזיסט זיך געפּרואווט אָפּזאָגן. דער באָכער האָט אים גענומען פאַר דער האַנט, אריַינגעשלעפּט אין שטוב און אָפּגעלאָזן ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט אים גוט אָנגעפּילט מיט מאַקאַראָנעס, מיט קעז און פּוטער און מיט געטריקנטע פיש מיט פּאָמידאָרן. ער האָט אים באַלייט ביזן בריקל איבערן טייך און האָט אים באַוויזן דעם וועג.

טשיקען האָט געגליקט. ער האָט נאָך קימאַט ניט אָנגערירט זיינע געלט, ער האָט געהאַט אַ פולן זאַק מיט עסן און אַ פולן בויך. דער וועג איז געווען אַן אייַנגענעמער, אַ שאָטנדיקער און איז געגאַן אויפן סאַמע ברעג פון אַרנאָ. און אויפן טייך קוקן איז שטענדיק אַ פאַרגעניגן.

אַרום פינף אַ זייגער, אַז טשיקאָ האָט שוין געלאָזן נאָך זיך די שטאָט אַמבראָדזשיאַנאָ, האָט ער דערהערט עמעצנס אַ ליד:

„אוי, איר ברידער, כעוורע שלעפּער,
שערבלעך שטעכן אין די פיס!"

אויפן וועג האָט זיך באַוויזן אַ אינגל פון אַ יאָר פערצן אָדער פופצן, אויסגעשמירט ווי אַ מילנער.

ער האָט אויך דערזען טשיקען און האָט זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן אויף אים. טשיקאָ איז צו אים צוגעגאַן אַביסל פאַרזיכטיק און האָט דערזען, אַז יענער היט זיך אויך. פונדעסטוועגן זייַנען זיי זיך אייַנער דעם אַנדערן געפעלן געוואָרן.

— אַלאָ! — האָט געזאָגט דער מילנער.

— אַלאָ! — האָט געענטפערט טשיקאַ, כאָטש געווײנלעך פלעגט ער זיך אַנדערש גריסן. זײ זײנען געשטאַנען אַ מינוט שווײַגנדיק און זיך צוגעקוקט אײנער צום צווייטן.

— איך גײ אין פּיוּע, — האָט געזאָגט צום סאָף יענער.

— און איך אויך אַהין, — האָט געענטפערט טשיקאַ.

— פונוואַנען ביסטו, — האָט געפרעגט דאָס אינגל.

— פון פלאָרענציע.

און איך בין אויך פון פלאָרענציע! איך רעכן ביז ע מ פּ אָ ל י זיך לאָזן צופוס און פונדאָרטן מיטן באַן ביז לוקי.

— און איך גײ צופוס, איך האָב קײן געלט ניט.

— נאַ דיר! איך האָב זײ קײנמאָל ניט געהאַט. נאָר איך פאָר מיטן באַן.

טשיקאַ האָט זיך פאַרכידעשט.

— אַהער בין איך אויך אָנגעקומען מיטן באַן, — יענע נאַכט. מיר איז נימעס געוואָרן שטעקן אין מאַנטעלופּא, האָב איך באַ-שלאָסן דאָ ניט וואַרטן אַפן באַן און זיך דורכשפּאַצירן ביז עמפּאָלי צופוס. פונדאָרטן קען מען באַנאַכט אַוועקפאָרן.

-- מיטן באַן?

— מיטן באַן.

— אָן געלט?

— אָן געלט. וואָס ביסטו פון דער לעוואָנע אַראָפּגעפאַלן? זאָל קויפן אַ בילעט דער, וואָס ס'פוילט זיך ניט. און איך — אַ פײַג! אַז מיר צאָלן ניט מײנע באַלעבאַטים, איז פאַר וואָס, פרעגט זיך, זאָל איך צאָלן?

טשיקאַ האָט זיך ניט קלאָר פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי באַוועגט זיך אַף דער וועלט אָט דאָס אינגל, וואָס איז באַשאַטן מיט מעל. נאָר עפּשער איז דאָס גאָר ניט געווען קײן מעל, כאָטש ער איז געווען ווײַס ווי אַ מילנער. פונוואַנען איז ער? אַרומפאָרן איז באַ אים, אַפּאָנעם, אַ וואָכעדיקע זאַך, — אַ געריכערטע לולקע! טשיקאַ האָט באַשלאָסן גײן מיט אים אינאײנעם. ער האָט געזאָגט.

— דו נעמסט זיך גלייך קיין עמפּאָלי?

— יאָ.

— איז לאָמיר גיין.

— לאָמיר גיין.

און זיי זיינען אַוועק.

זיי האָבן זיך גענומען פּלוידערן, און טשיקאַ האָט זיך דער־וואוסט טויזנט נייע זאַכן. טשיקאַ האָט געקענט אייסגעצייכנט דעם טאָל, אין וועלכן ס׳ליגט פלאָרענציע. ער האָט זיך אופגעהויבן אַפילע אַף די הייכן פון פ י ע ז א ל י. ס׳איז ניט געווען קיין איין לאָך אין דעם קאַנט, וואו ער איז ניט געקראָכן, ס׳איז קיין איין בוים ניט געווען, אַף וועלכן ער האָט ניט געקלעטערט, און קיין איין כאָכמע ניט, וואָס ער זאָל ניט הערן. דאָס איינגל אָבער, וואָס איז געווען הונדערט מאָל באַרישער פון אים, האָט געקענט די גאַנצע וועלט! ער איז געבוירן געוואָרן אין לוק, דאָס גאַנצע לעבן האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט דורך שטעט און דערפער און האָט גע־האַנדלט מיט גיפּסענע סטאַטועטקעס. ער איז געווען אין אַלע שטעט פון איטאַליע.

ער האָט געקענט מאַרסעל, ליאָן, פּאַריזש, ווין, בערלין און אַפילע לאָנדאָן.

— און מאָסקווע? — האָט טשיקא געפרעגט. ס׳האָט אים אַ טיאָכקע געטון אין האַרצן.

— ניין. ביז דער מילכאָמע בין איך געווען צו קליין, און פון זינט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, איז שווער זיך דערשלאָגן קיין רוסלאַנד.

איינגיכן האָט טשיקא דערזעען, אז אין פּאָליטיק פארשטייט זיין כאַווער, ווי א כאַזער אין אַפּעלסינעס. דאָ איז ער געווען נאַריש ווי א קלאָץ.

רויטע, שווארצע, ווייסע — פאר אים זיינען זיי געווען אַלציינס, אַבי זיי זאָלן קויפן זיינע סטאַטועטקעס. דערפאַר אָבער, איז אין דאָס, וואָס ס׳געהערט צו פאָרן, האָט ער געקאָנט פארשטעקן אין גאַרטל וועמען איר ווילט. וואָס פלעג ער ניט אויסטראַכטן קעדיי

ער זאָל קאָנען דורכפֿאָרן אומזיסט מיטן באַן! אָפּנארן דעם קאָנ-דוקטער, שטעלן א נאָז דעם פּאָליציימאַן.

טשיקא האָט אָנגעשטעלט זײַנע אויערן אלץ מער און מער און האָט ניט באמערקט, ווי ס'איז אָנגעקומען דער אָוונט, און זיי זײַנען געקומען קיין עמפּאָלי. דאָרט זײַנען זיי אריין אין דער ערשטער קיך און טשיקא, וואס האט זיך געהאלטן פאר א גרעסערן געוויר פון זײַן כאַוועד, האָט באשטעלט צוויי האַלבע גלעזער ווײַן און א גראַפּין וואַסער. דערנאָך האט ער ארויסגע-שלעפּט פון זאק װאורשט מיט ברויט, ארויסגענומען דעם מע-סער פון קעשענע און כעוורע האָבן זיך צוגעכאַפּט צום עסן. אָפּגעגאסן, האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט צו דער אייזנבאַן-סטאַנציע.

— נו, לאָמיר זיך איינמאָסטען, — האָט געזאָגט דאָס אינגל, — מ'דאַרף א קוק טון, וועלכער צוג גייט אָפּ דער ערשטער אין פּיזע און אָפּזוכן א פּאַסיקן וואגאָן פאר אומזיסטע פּאסאזשירן.

— זעץ זיך, װארט צו, באלד קום איך.

טשיקא האָט געוואוסט, אז אין דער זאך ווייסט ער קיין אָס ניט, האָט ער זיך צוגעזעצט אף א שטיין און האָט זיך גענומען וואַרטן אף זײַן כאַווער.

IV. ווי אף פּוטער

ס'איז דורכגעגאן בא אַ פערטל שאָ — טשיקען האָט זיך עס אויס-געצויגן פאר א יאָר, — און דאָס אינגל האָט זיך ניט אומגעקערט. טשיקא איז געװען בייז. ער איז זיך מיט אים באַגאנגען, ווי א כאַווער, האָט אים געגלויבט ווי אַן ערלעכן מענטשן, און יע-נער — אָט האָסטו דיר! — איז איצט אַנטלאָפן גאַנץ רואיק צו אלדי רוכעס.

— פֿײַגערן זאָל ער! — האָט זיך טשיקא געזידלט. — פּינצטער, כאָטש אַן אויג ארויסנעמען, מיטן אָרט בין איך ניט באקאנט,

מיד בין איך ווי זיבן הינט. ווי אזוי וועל איך דאָ געפינען אן אָרט, וואו זיך אויסשלאָפן?

אין דער רעגע האָט זיך באַוויזן דאָס אינגל.

— היי, קום! איך האָב געפונען א וואַגאָנדעלע, אַף מיין וואָרט פאר אונז אויסגעבויט.

טשיקא איז אופגעשטאַנען און האט זיך בעלאָזן נאָך אים. זיי זיינען געלאָפן איבער פארוואָרפענע ליניעס, זיך געגליטשט אי-בער וואַגאָנעס, זיך צוגעטוליעט צו די בופערס, ווען פארביי זיי איז דורכגעגאַנגען דער קאָראַולער מיטן לאמטערן. דערנאָך האָבן זיי זיך א טוק געטון אונטער א צוג, דורכגעלאָפן עטלעכע טריט אַף אלע פיר און ארויסגעשוואומען לעבן אן אָפענעם וואַגאָן.

אָט דאָס איז ער, — האָט דאָס אינגל א זאָג געטון טשיקען אפן אויער, און ווי א קאץ איז ער ארייַנגעשפרונגען אינע-ווייניק.

טשיקא — נאָך אים. אין וואגאָן איז געווען פינצטער. נאר יענער האָט אים גענומען פאר דער האנט און ארייַנגעפירט טי-פער. טשיקא האָט דערפילט, אז אונטער די פיס בא אים איז שטרוי.

— לייג זיך, — האָט א קאָמאנדעווע געטון דאס אינגל, און טשיקא האָט געפאָלגט.

דאס גענים אינגל האט נאך א שורשע געטון מיט דער שטרוי און האט זיך צוגעלייגט לעבן טשיקען.

— נו, אז מ'וועט אפילע א קוק טון אהערצו, וועט מען אונז ניט באמערקן, — האָט ער געזאָגט, צודעקנדיק דעם כאווער מיט שטרוי.

— ווען וועט אָפגיין דער צוג?

— באלד. ליג שטיל, מ'וועט נאך דערהערן.

טשיקא איז אנשוויגן געוואָרן. ער איז געלעגן שטיל, שטיל, אזוי שטיל, אז ניט קוקנדיק אף זיין אומרואיקייט און וואָס ער איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אין צוג, — איז ער באלד

אבשלאָפן געוואָרן. דאָס אינגל — די געדוויכערטע לולקע האָט דערהערט, אז דער צוג איז אָפּגעגאַן, האָט ער זיך רואיק צו־גויפגעדרייט ווי אַ בייגל און איז אויך אַנדרימלט געוואָרן.

נאָך ער איז געווען א געניטער פּאָרער און האָט געהאַט א גרינגן שלאָף.

ער האָט זיך באַצייטנס אופגעכאַפּט און האָט אופגעוועקט זיין כאַווער.

— נו, שטיי אוף, מיר זיינען שוין לעבן פּיזע.

טשיקאַ האָט אופגעריסן די אויגן און האָט זיך פאַרכי־דעשט.

— וואָס ! שוין ?

— און וואָס מיינסטו, פּ י ז ע איז וואו דער שוואַרצער פּע־פּער וואַקסט ? שטיי אוף !

די כעוורע זיינען אופגעשטאַנען און האָבן אָפּגעטרייסלט פון זיך די שטרוי.

דורכן שפּאַלט פון טיר האָט זיך דורכגעגליטשט א בלייכע שיין.

— בּרום ! בּרום ! — האָבן געטראַסקעט די וואַגאָנעס, און טשיקאַ, ציטערנדיק פון אומרואיקייט, האָט זיך צוגעהערט צו די שטויסן. ער איז צוגעפאַלן מיט די אויגן צום שפּאַלט און איז צעטומלט געוואָרן.

— ער פליט דאָך געשווינדער פונם טראַמוואַי.

— אנו. רוק זיך נאָר אָפּ אביסעלע, — האָט געזאָגט דאָס אינגל און האָט זיך אָנגעלייגט אף דער טיר. ער האָט זי אָפּגערוקט פונקט אַזוי פיל, אַז זיי זאָלן קאָנען זיך דורכשפּאַרן דורך איר.

— ווי נאָר דער צוג וועט זיך אָפּשטעלן, וועל איך אַראָפּ־שפּרינגען — און דו נאָך מיר. און דערנאָך — פּיס ! לויף וואוהין די אויגן קוקן, און קוק זיך ניט אַרום.

אַ שאַרפער, לאַנגער פייף האָט פאַרטויבט זיינע ווערטער. דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער, און דאָס אינגל איז אַראָפּגעשפּרונגען פונם וואַגאָן. טשיקאַ נאָך אים. פון ניטגעניט־קייט האָט ער זיך איבערגעקולעט, און ווען ניט זיין פלינקייט, וואָלט ער זיך געוויס צעקוועטשט די נאָז. אַז ער איז אופגעשפּרונגען

אַף די פּיס, האָט ער דערזעען, אַז פון זיין כאַווער איז שוין אַפּילע דאָס אָרט פאַרקילט געוואָרן און אַז צו אים לויפט, מאַכנדיק מיט די הענט, דער קאַראַוּלנער. פון איין זייט איז געווען דער צוג, פון דער צווייטער — א נידעריקער פּלויט. טשיקא האָט ניט לאַנג געטראַכט. מיט איין שפּרונג איז ער אַריבער איבערן פּלויט, געטראָפן אין א גאָרטן און זיך געלאָזן איבער די בייטלעך קרויט.

ער האָט דאָס געטון ניט ווילנדיק. ער האָט געהערט, ווי אונטער זיין פּלייצע האָט עפּעס געשריגן דער קאַראַוּלנער, און אין דערזעלבער צייט האָט ער מיט שרעק דערזעען, ווי פון דער שטוב, וואָס איז געשטאַנען טיף אין גאָרטן, איז ארויסגעלאָפן א פרוי מיט אַ הונט. די פרוי האָט זיך געריסן און דער הונט האָט געבילט און זיך געטראָגן צו אים. טשיקא האָט זיך ארומגעקוקט. רעכטס, איבער אַ ברייטן גראָבן איז געווען א שמאָל וועגל, וואָס האָט געפירט צו דער פרייהייט. פאָרויס און לינקס — די שטוב, די פרוי און דער גרויסער הונט, וואָס האָט געכריפּעט פון בייזקייט.

— עך, וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין, — האָט אַ געשריי געטון טשיקא און האָט זיך א וואָרף געטון צום גראָבן.

ביזן גראָבן איז געווען ניט ווייט, נאָר דער הונט האט אים אָנגעיאָגט. אָט איז ער שוין צוויי טריט פון אים, אָט פּילט שוין טשיקאַ אַף זיינע פיס זיין וואַרעמען אָטעם...

איינס! דער הונט האָט א קנאַק געטון מיט די ציין און האָט פאַרפעלט.

טשיקא איז איבערגעשפּרונגען איבערן גראָבן און האָט זיך ארויסגעצויגן אַף יענער זייט אין דער גאַנצער לייגג.

— פּונדעסטוועגן בין איך א בעריע א יאַט, — האָט טשיקא אַ טראַכט געטון, שטעלנדיק זיך אַף די פּיס. דער פעטער הונט האָט אפילע ניט געטראַכט שפּרינגען איבערן גראָבן. געגוג פונזיינעטוועגן, אַז ער האָט אַרויסגעטריבן דאָס אינגל פונם באַלעבאָס גאָרטן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געגומען בילן.

דאָסזעלבע האָבן געטאָן די מענטשן אויך, — די פרוי אַף דער שוועל פון שטוב, און דער קאַראַוּלנער אַף יענער זייט פּלויט.

— אַנטלויף און קוק זיך ניט אום, — האָט זיך טשיקאַ דער־מאָנט די טירע פון זיין כאַטער און האָט זיך געלאָזן לויפן אי־בערן וועגל, דערנאָך איבערן שטויביקן גרויסן וועג, ביז ער האָט זיך פאַרקערעוועט און ער האָט זיך אומגעקוקט. קיין לע־בעדיקע נעשאָמע ניטאָ! ער איז אַוועק טריט בא טריט, שווער אָטעמענדיק.

דאָס האַרץ האָט בא אים געקלאַפּקאָטעט גיך, גיך: טוק, טוק—טוק.

באַם וועג איז געווען אַ לאָנקע, און טשיקאַ האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן אפן גראָז איבערכאַפּן דעם אָטעם. ערשט איצט האָט ער זיך אומגעקוקט, וואו איז ער ערגעץ. אין דער רעכטער האַנט — פעלדער, אינדערווייטן — הויכע בערג, הוילע און שטיינערדיקע; לינקס — אַ הויכע וואַנט און דער וועג, מיט וועלכן ער איז גע־קומען צום אָרט; אונטן — גערטנער. און פאָרויס אויך גערטנער, גערטנער, גערטנער! און אַף יענער זייט — הייזער, קלויסטערס, פאַבריק-קוימענס.

— פיזע? — האָט אַ געשריי געטאָן טשיקאַ.

ער האָט באטראַכט זיין פאַרמעגן. ס'איז גאַנץ. ער האָט נאָך אַ האַלבן בייגל וואורשט, און אין קעשענע קלינגען צען ניקל־קעס—צוויי לירעס.

ער איז געווען הונגעריק, נאָר ער האָט באַשלאָסן נאָך צו־וואַרטן מיטן עסן. דערווייל איז אופגעגאַנגען די זון. ער איז נאָך בעזעסן אַביסל, דערנאָך איז ער אופגעשטאַנען און איז אוועק צוריק מיטן וועג.

איינמאָל פאַרקערעוועט, דאָס צווייטע מאָל; ער האָט פאָרזיכטיק געכאַפּט אַ קוק פון הינטערן פּלויט. קיין סאַקאָנע איז נישטאָ — ניט די פרוי, נישט דער הונט, ניט דער קאַראַוּלנער. טשיקאַ האָט בעשאָלעם אויסגעפעלט דעם שלימאַזלדיקן גאָרטן, איז אָפּ־געגאַן בא אַ האַלבן קילאָמעטער און האָט זיך צוגעזעצט אַף די

שטאַכעטן פֿון אַ בריקל. דאָרט האָט ער אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פֿון די פֿיס, אָנגעטון שקאַרפּעטקעס און שטיוועלעך. דערנאָך האָט ער אויסגעוואַשן אינעם טייכל, וואָס איז געלאָפֿן אונטערן בריקל, די הענט מיטן פּאָנעם, האָט זיי אויסגעווישט מיטן נאָזטיכל, האָט אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פֿונעם קאָסטיום און פֿונעם היטל און האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין שטאָט אַריין. ער האָט געדאַרפֿט האָבן א לייטישן אויסזען. מיטן וועג האָט ער באַטראַכט וואָס ער האָט צו טון. ערשטנס, דאַרף ער קויפֿן ברויט און אָפּעסן, צווייטנס, זיך פֿאַנאַנדערפֿרעגן אַף דעם וועג אין ליוואָרנא, און דריטנס — וואָס גיכער זיך לאָזן אין וועג אַריין.

— עך, ווען איך געפֿין ערגעץ מיין כאַווער פֿון די סטאַטועטקעס, — האָט טשיקא א טראַכט געטון.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט די ערשטע הייזער פֿון פֿאָרשטאָט און ס'האָט אים א קלאַפּ געטון אין נאָז דער געשמאַקער רייעך פֿון פֿרישן ברויט. אָט איז א בעקערײ. ער איז אַריין און האָט זיך געקויפֿט א האַלבן קילאָ ווייסן פֿרישן ברויט און איז אַרויס אין גאַס.

דאָס ברויט איז געווען אַזאַ שמעקעדיקס, אַזאַ געשמאַקס, און טשיקאַ איז געווען אַזוי הונגעריק, אַז ער האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און האָט אַריינגעשטעקט אין אים די ציין נאָך גייענדיק.

אַז טשיקא איז אָנגעקומען אין מיטן שטאָט אַפֿן קליינעם פּלאַץ, וואו ס'זיינען געשטאַנען ביינק און מ'האָט זיך געקאָנט צוזעצן, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן אָפּעסן, האָט טשיקא באַמערקט, אַז פֿונעם ברויט איז באַ אים אַפֿילע קיין ברעקל ניט געבליבן.

— איז נאָך בעסער,—האָט דאָס אינגל באַשלאָסן, צוזעצנדיק זיך אַף א באַנק, — וועט באַ מיר בלייבן מער וואָרשט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן באַטראַכטן, ווי אַזוי זאָל ער זיך דערוויסן דעם וועג קיין ליוואָרנא. ווען דאָס ער האָט אויסגערעכנט מיט פֿלוסאָן, קומט אויס, אַז פֿון פּיזע ביז ליוואָרנאָ איז עטלעכע קילאָמעטער.

אריב ער וועט זיך נעמען אויספרעגן, ווי אַזוי גיין צופוס קיין ליוואָרנאָ, וועט ער זיכער ווענדן אַף זיך אויפמערקזאַמקייט. וואָס טוט מען דאָ?

ניין. שוין בעסער גאָרנישט פרעגן, בעסער אַליין אַ זוך טון דעם וועג.

ארנאָ לויפט צום יאַם און פאַלט אין אים אַריין ניט ווייט פון ליוואָרנאָ. אַרנאָ גייט פאַרביי פיזע אויך. ווען מ׳נעמט זיך גלייך מיטן טייך, קאָן מען זיך שוין ניט אַראָפּשלאָגן פונם וועג. די טויערן פון פיזע, וואָס גייען ארויס אַף אַרנאָ, פירן שוין אַרויס אַפן וועג קיין ליוואָרנאָ. טשיקאַ האָט זיך אופגע-שטעלט און האָט זיך אַוועקגעלאָזן זוכן די א ר נ אָ.

ער האָט זיך ארומגעדרייט באַ א האַלבער שאָ און האָט גע-פונען דעם טייך. דאָ איז די ברעג-גאַס ענלעך געווען אַף דער פלאָרענטינער, נאָר אַף יענער איז שטענדיק געווען א גרויסער אוילעם, און דאָ איז אַזוי ווי מיט א בעזעם אויסגעקערט.

אַן אלטינקער, וואָס איז געזעסן לעבן א קליינעם וואנדער-שיינעם קלויסטערל, האָט א קוק געטון אַפן אינגל.

— אַפּאָנעם, דו ביסט ניט קיין פיזאנער? — האָט ער אים געפרעגט.

— ניין. איך בין פון פלאָרענציע.

— באַ אייך איז ניטאָ אזוינע שיינע קלויסטערס.

טשיקא האָט ניט געקענט דערלאָזן, אז ערגעץ זאָל זיין עפּעס שענערס, ווי אין זיין פלאָרענציע, און ער האָט זיך גענומען קריגן מיטן אלטינקן.

געענדיקט האָט זיך דאָס דערמיט, וואָס דער אלטער האָט אים אוועקגעפירט צום בארימטן „פאַלנדיקן טורעם״. מיטן וועג האָט דאָס אינגל אויסגעפרעגט באַ אים אַלץ, וואָס ער האָט גע-דארפט וויסן, וועגן דעם וועג קיין ליוואָרנאָ.

אַזייגער עלף האָט דאָס אינגל זיך באַוואָרנט מיט ברויט און האָט מונטער אוועקגעשפאנט איבערן גראָזיקן וועג. ער האָט זיך ניט שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס ס׳וועט אים אויסקומען

נעכטיקן אונטערן פרייען הימל און קיין ליוואָרנאָ אָנקומען ערשט אַף מאָרגן.

ער האָט שוין אָפּגעשפּאַנט אַ קילאָמעטער אַכט, אַביסעלע זיך איינגעמידט.

די זון האָט אים אָנגעהויבן דערקוטשען. פּלוצלינג האָט ער געטראָפן אינמיטן וועג עפּעס אַן אומבאַוועגלעכן אַוטאָמאָביל. אונטער אים איז געלעגן מיטן בויך אַרויף דער שאָפער און האָט זיך געזידלט אַף וואָס די וועלט שטייט.

— עי, באָכערל, קום נאָר אַהער, — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו טשיקען.

טשיקאָ איז צוגעגאַנגען.

— דאָרט אין אוטאָמאָביל ליגט אַן איינגלישער שליסל, גיב אים נאָר אַהער.

דאָס אינגל האָט אים דערלאַנגט דעם שליסל. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעוואָרפן אין אַוטאָמאָביל זיין זעקל און זיין היטל און האָט זיך גענומען אויספּילן אַלץ, וואָס דער שאָפער האָט אים געהייסן. דאָס האָט שטאַרק פאַרגרינגערט דעם אוטאָמאָבילימט זיין אַרבעט, און אָט איז ער שוין אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער מאַשין.

— ביסט אַ וואוילער יאַט, — האָט ער אים געזאָגט. — אָן דיר וואָלט איך זיך דאָ אָפּגעוואַלגערט ביז מאָרגן, און איך מוז אָן אַ טערעץ ביז דריי אַזייגער זיין אין ליוואָרנאָ. און דו וואוהין שפּאַנסטו?

טשיקאָ האָט אַ מינוטעלע געשוויגן, און האָט געענטפערט:

— איך גיי אויך קיין ליוואָרנאָ.

— צופוס?

— יאָ. מיר האָבן זיך פאַרהאָטן אין שול, ווער וועט פריער אָנקומען קיין ליוואָרנאָ אָנט באַן.

— און פונוואַנען גייסטו?

— פון פלאָרענציע. איך בין קימאַט די גאַנצע צייט געפאָרן אַף אַ פור. איך בין אַרויסגעגאַן נעכטן אינדערפרי.

— נו, יאָסל, ביז ליוואָרנאָ וועל איך דיך אַנטערפירן.

— אָבער, ווי ס׳גייט מיר! — האָט אַ שפרונג געטון טשיקאַ.

ער האָט זיך גיך אַוועקגעשטעלט הינטערן שאָפער, און דער אַוטאָמאָביל האָט אַוועקגעיאָגט קיין ליוואָרנאָ.

דער וועג האָט זיך געטראָגן פאַרביי ים. טשיקאַ האָט די גאַנצע צייט גערעדט ווייניק. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער קען גוט ליוואָרנאָ, און האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָ אַ פעטער אַף וויאַ-דעל-אַנדזשעלאָ.

אין ליוואָרנאָ זיינען זיי אָנגעקומען פינף אַזייגער.

— איך וועל דיך אַראָפּוואַרפן אַף פּיאַצאַ-דעל-וואָלטאָנע, — האָט דער שאָפער געזאָגט. פון דאָרט ביז וויאַ-דעל-אַנדזשעלאָ איז הונדערט שפּאַן.

נאָר אַז טשיקאַ איז אַרויס פון אַוטאָמאָביל, האָט ער דערזעען אַזאַ בילד, אַז ער האָט זיך פאַרגעסן אין אַריסטידן און אַפילע אין מאָסקווע. ער האָט דערזעען דאָס, פון וואָס ס׳כאָלעמען אַלע קינדער פון אַלע לענדער און פון וואָס די קאָפּ פאַרדרייט זיך. ער האָט דערזעען ווייט אין דער טיף פון אַ ברייטער און גלייכער גאַס אַ וואַלד מיט זעגלבוימער.

— האַפן! יאַם! — האָט ער אַ געשריי געטון, און ער האָט זיך פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט, און זיך געלאָזן לויפן אַראָפּ מיט דער גאַס.

V. יאַם!

אָן אַן אָטעם האָט זיך טשיקאַ געטראָגן צום יאַם. אָט האָט ער אויסגעפּעלט אַ פּלאַץ און אַ גאָרטן. דער וואַלד מיט זעגל-בוימער איז אַלץ נעענטער. טשיקאַ איז געלאָפן און געקוקט אין אַלע זייטן. ס׳האָט זיך אים געוואָלט איינשלינגען מיט די אויגן די גאַנצע שטאָט. די ליוואָרנער זיינען גאַרניט ענלעך אַף די פלאָרענטינער. דאָ איז דער אוילעם אַ מער פאַרביקער. דאָ זיינען געווען מאַטראָסן און פּאָרט-אַרבעטער, מאַטראָסן אין בלויע אַנצוגן,

ארבעטער אין אָנטון פון טאַבאַק-קאָליר, שטאָטליים, לײדיקגײער און פארנומענע, פרויען מיט אלערליי קונציקע הוטן. טשיקא האָט אומגעוואלגערט עפּעס איינעם א שיקערן, האָט זיך א טויטשע געטון אין בויך פון א גראָבער אַלטינקער און האָט זיך אוועק־געטראָגן ווייטער אונטער א האָגל פון זידלערייען.

אַ שטיינערנער בריק. טשיקא איז ארופגעפלויגן אַף אים און האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי א צוגעוואקסענער. דער בריק איז איבערגעשפּרונגען איבער אַ קאנאל. אַף דער שמוציקער וואסער פון קאנאל האָבן זיך געהוידעט ריזיקע בארקאסן. אַ צוויי, דריי בארקאסן זיינען געווען איבערגעקערט אַף אַ זייט, און ס׳האָט זיך אויסגעגעהן פּאַ זיי דער קיל. — „דער פעמפּיק״ — האָט אַ טראכט געטון טשיקאַ.

— נו דאַרף מען דאס א שטורעם האָבן, אז מע זאָל זיי איבער־קערן, — האָט אַ טראכט געטון טשיקא.

פונוואנען האָט ער געקענט וויסן, אז די בארקאסן האָט מען איבערגעקערט אומ׳סטן, קעדיי אָפּרייניקן דעם קיל פון וואסער־געוויקסן און יאַמשיסעלעך.

טשיקאַ האָט זיך ניט לאנג פארהאלטן אפן בריק. וואָס ווייטער, אַלץ געדיכטער איז דער וואַלד פון זעגלבוימער. די רייעס און קאַנאַטן האָבן זיך צונויפגעפּלאָכטן אין אַ געדיכטער שפּינוועבס. ער איז אַוועקגעלאָפן ווייטער, האָט אויסגעפעלט דעם שלאמבאָן, און דער גאַנצער אַלטער פּאָרט האָט זיך געעפנט פאר אים. ברייטע טרעפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צום וואַסער, און פּאַרבײ דעם גאַנצן ברעג און פארבײ דעם גאַנצן מאָל, אף דער בלויער. בלויער וואַסער האָבן זיך געוויגט שיפן, — דאַמפשיפן, זעגלשיפן, קאטערס, מאָטאָר-שיפלעך, שלופן, גרויסע, קליינע, שווארצע, רויטע, געלע, גרינע. די דירעוודיקע שלופן האָבן געגלאַנצט מיט די רודערס און געפלויגן הין און צוריק. אַ קאטער, אַ קליינינ־קער, ווי אַ שפּילעכל, האָט געשלעפּט נאָך זיך אין האפן אַ ריזיקן בארקאס. אַ שײנינקע זעגלשיף האָט צעוויקלט די זעגלען, זיך געקערעוועט צום ווינט און האָט זיך געגרייט צום אָפּשווימען.

טשיקאַ איז געלאָפֿן ווייטער—נעענטער, אַלץ נעענטער צום יאַם. איבער די פֿאַלובן פֿון די פּישער-באַרקאַסן האָבן אַרומגעשפּאַצירט פֿעסטע-יאַדערדיקע כעוורע, און דאָס איינגל האָט ניט ווילנדיק זיי מעקאַנע געווען: ס׳איז אַ לעבן! ס׳איז אַ וואונדערלעך לעבן! ער איז שוין צוגעגאַנגען ביזן מאָל, און ס׳האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס ווייטער קען מען ניט גיין. נאָר באַלד האָט ער באמערקט עפּעס אַ לייטערל אַרויף אַף דער וואַנט און ער איז מיטן לייטערל אַרופֿגעלאָפֿן אפֿן מאָל.

— אוי, — האָט ער אַ געשריי געטון און איז פֿאַרשטיינערט געוואָרן.

אַ שפּיגל, אַ בלויער, אַ לאַזור-שפּיגל איז געלעגן פֿאַר אים. דאָרט איז געווען נאָך אַ וואַנט, — דער נייער מאָל, ווי אַ בויגן, און אַ טורעם מיט אַ גלעזערנעם דאַך, — דער לייכט-טורעם. און צווישן דעם טורעם און דעם מאָל לינקס, און צווישן דעם מאָל און די אַלטע געביידעס רעכטס — דער אומענדלעכער אומבאַגרע-נעצטער יאַם. טשיקאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מיטן לייטערל אַראָפּ ביז ער איז אָנגעקומען אַף אַזאַ אָרט, וואו ס׳האָט גאָרנישט ניט געשטערט קוקן אַף דער בלויער, ווי דער הימל, וואַסער-ברייט. ווייט, ווייט אין יאַם-פּונקט ווי אומבאַוועגלעכע שוואַרצע וואָלקנס, האָבן זיך אויסגעזען אינזעלעך. עטלעכע זעגלשיפֿלעך און דאַמ-פֿערס האָבן געשניטן די וואַסער-גלאַט און האָבן זיך דערווייטערט פֿון האַפֿן. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, און די וואַסער האָט געפֿינקלט מיט גאָלדענע און בורשטינענע גלאַנצן.

טשיקאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף פֿאָרן קיין רוסלאַנד, און אַז צוליבדעם דאַרף ער זיך זען מיט אַריסטידן. ער האָט זיך אָפּגעריסן פֿון יאַם און האָט זיך אויסגעקערעוועט צוריק. אַז ער איז צוגעגאַנגען ביזן שלאַבאַן, האָט די זון אָנגעהויבן פֿאַר-גיין. ווען טשיקאַ זאָל געווען וויסן, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרקישעפּטער בילד איז דער זון-פֿאַרגאַנג אַפֿן יאַם, וואָלט ער זיך ניט געווען איילן אין שטאָט אַריין. איצט אָבער האָט ער נאָר געזען אַ הימל פֿאַרגאָסן מיט פּורפּור, שטיקלעך רויסן זייד, וואָס זיינען אַזוי

ווי געשוואומען אין וואסער צווישן די שווארצע קאָרפּוסן פון די זעגלשיפלעך, און זעגלבוימער, און זעגלען, וואָס האָבן געפלא-קערט אין שקיע-פייער.

אַ שווערער בארקאַס, פול מיט מענטשן, האָט געשווינד זיך געגליטשט פארביי דער דאמבע, ניט ווייט פונם לייטער.

אַ דאַרער, לאַנגער מענטש האָט צוויפבעלייגט די הענט ווי אַ רופאָר און האָט זיך צעשריִען לעבן טשיקען:

— אריסטי-אי-איד!

טשיקאַ האָט אַ שפרונג געטון ווי אַן אָפּגעבריטער. ער האָט אַ קוק געטון אפן מענטשן און דערנאָך אפן בארקאַס, פון וועלכן ס'האָט זיך דערהערט עמעצנס אַ הילכיקער ענטפער.

— אָ-האָ-אָ-אָ!

דער לאַנגער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מיט אַ טרעפּל נידערי-קער און האָט זיך צוגעזעצט אף דער ערד. דאָס שיפל איז צוגע-שטאַנען, די מענטשן זיינען גרינג אַרויסגעשפּרונגען אַף דער דאמבע, און איינער פון זיי, אַ מענטש פון ריזיקן וואוקס פון אַ יאָר פופציק איז אַרופגעלאָפן אפן לייטער צו דעם, וואָס האָט אים גערופן. דער לאַנגער איז אופגעשטאַנען אים אַנקעגן.

— אריסטיד, — האָט טשיקאַ דערהערט, — דער קאַפּיטאַן פון „טערעזא" ווארט אַף דיר בא ג י ג ע ן.

— פארוואָס איז ער אַהערצו ניט געקומען? — האָט יענער געפרעגט.

— ער פארברייגגט דאָרטן מיטן גריך, וואָס וויל דיך זען.

טשיקאַ האָט אַ טראַכט געטון, אז דער אריסטיד קען זיין טאָקע יענער אַריסטיד, וואָס ער דאַרף צו אים. איז ער צוגעגאַן צו אים און האָט אים געפרעגט:

— זייט אזוי גוט, דאָס זיינט איר סעניאָר אריסטיד בינדיערא?

דער ריז האָט אים מיט נייגער באַטראַכט.

— יאָ, דאָס איז ער. און דו ווער ביסטו?

— טשיקאַ.

— אי, אַ נאָמען! וואָס-זשע דאַרפסטו, יאַטל?

— איך בין פון פלאָרענציע.

— דאָס זעט מען, — האָט זיך יענער צעלאַכט.

— מיך האָט געשיקט צו אייך פלוטאָ. איך האָב פון אים אַ בריוו צו אייך.

— ווער, פלוטאָ? קען דאָס זיין? מיין אלטער פלוטאָ?

— יאָ, פלוטאָ. ער גריסט אייך טויזנט מאָל און... נאר איך דאַרף מיט אייך רעדן עפעס צווישן פיר אויגן... אַזאַ געשעפט... מיט איין וואָרט — אַ סאָד.

— וואָס איז? עפעס האָט זיך געטראָפן מיט מיין אלטן? — האָט אַ געשריי געטון אריסטיד, נעמענדיק באַם אינגל דעם צעריבענעם פאַקעט.

— גיי צו ג י ב ע ן און זאָג דעם קאַפּיטאַן, אז איך וועל באלד קומען, — האָט ער זיך געווענדעט צו דעם לאַנגן באָכער.

— נו איצט לייג ארויס, — האָט ער געזאָגט טשיקען, צערייסנדיק דעם קאָנווערט.

— פריער פון אַלץ דאַרפט איר וויסן, אַז איך בין טשיקא פון סאַן-פרעדיאַנאָ, און אז איך בין אַ באָלשעוויק.

דער ריז האָט זיך הויך צעלאכט.

— יאָ, אַ באָלשעוויק, — האָט אַביסל באַליידיקט געזאָגט דאָס אינגל. — דערפאר קען איך מער ניט שטעקן אין פלאָרענציע, און איך וויל קיין רוסלאַנד. פלוטאָ האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אייך געפינען און אַז איר וועט מיך אַריבערפעקלען קיין רוסלאַנד. נאר קיין געלט האָב איך ניט...

אַריסטיד האָט האַלב-שמייכלענדיק, האַלב ערנסט אַ קוק געטון אַפן אינגל.

— קיין רוסלאַנד? דו ביסט פון זינען אַראָפּ צי וואָס? אַפּאָנעם, פלוטאָ האָט פּאָשעט געוואָלט דו זאָלסט זיך דורכגיין קיין ליוואָרנאָ! ביסט אַ נאַרעלע!

באַ טשיקען האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן.

וואָס הייסט? קען דען זיין, אַז פלוטאָ זאָל מיט אים טרייבן קאַטאָוועס? פלוטאָס וואָרט איז פאַרן אינגל געווען אַ געזעץ.

ניין, דאָס האָט ער, אַריסטיד, געמאַכט כּיזעק פון אים. פאַרשטייט זיך! מיסטאַם האָט ער זיך שוין אויך פאַרשריבן צו די פאַשיסטן.

— ניין, ניין! איך קען שוין לאַנג פלוטאָן, ער וואָלט מיך נים געשיקט צו אייך, ווען ער וואָלט נים געווען זיכער, אַז איר וועט מיר קענען העלפן, מיך אַריבערשיקן קיין רוסלאַנד.

די זיכערקייט, מיט וועלכער דאָס אינגל האָט גערעדט וועגן אַלטן פלוטאָ, און זיין דערשרעק האָבן גערירט דעם ריז. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן ערנסטע זאַך. עטלעכע מינוט האָט ער געשוויגן, מאַטערנדיק זיך אף די קאָטשערעס פונעם אַלטן.

— רעכט, יאַטל, מירן דאָס באַקלערן, — האָט ער דערנאָך געזאָגט. — לאָמיר גיין איינעם, עפשער וועלן מיר עפעס צוטראַכטן.

זיי זיינען אַוועק צום שלאַמבאָן.

פון פּאָרט ביז גינעס שיינקל איז געווען גאַנץ ווייט. איינ-מיטן וועג האָט טשיקא דערווייל אויסגעדערציילט פון זיך, פון פלוטאָן, און נאָך אַמאָל פון זיך און פון נאָך טויזנט אנדערע זאַכן. דער אַלטער יאַם-מאַן האָט צוגעשמייכלט און האָט אים פריינטלעך געפּאַטשט אין פלייצע — דאָס אינגל איז אים געפעלן געוואָרן.

— ס'אַן איינפאַל אַביסעלע! קיין רוסלאַנד! ניין, אף מיין וואָרט, אַף אַזאַ האַמצאָע קאָן פאַלן נאָר אַ מעשוגענער. און פונדעסטוועגן איז דאָס אַ יאַט אַ אינגל, — האָט ער זיך געטראַכט. ס'האָט זיך אים, אַפּאַנעם, פאַרוואָלט פרייהייט. דער רועך ווייסט אים, דעם ברען, עפשער וועט ער זיך טאַקע דערשלאָגן קיין רוס-לאַנד. אַ גרויסן איז שווער זיך דורכרייסן, און אַ אינגל וועט זיך עפשער איינגעבן. ווי די מאַיסע איז — מע דאַרף אים העלפן. דאָס יאַטל איז אַפּאַנעם ווערט. און דער אַלטער פלוטאָ האָט דאָך אויך נים אַבי געשריבן, מינעסטאַם איז ער זיכער אין דעם אינגל. אָט שרייבט ער דאָך: „זאָלסט פאַר אים טון אַלץ, וואָס דו וואָלסט געטון פאַר מיר, באַגיי זיך מיט אים, אַזוי ווי דו וואָלסט צו טון געהאַט מיט אַ דערוואַקסענעם. איך קען אים שוין לאַנג". נאָר ווי אַזוי העלפט מען אים? מע וועט אים

מוזן איבערזעצן אָף אַן אַנדער שיף, וועד ווייסט, צי נאָר איינמאָל?

— נו, מיר זיינען געקומען,— האָט אַריסטיד געזאָגט, און זיי זיינען אַריין אין באַרימטן שיינקל אָף דער גריכישער גאַס. אין צוויי קליינע צימערלעך איז געזעסן אַן אוילעם—אַלץ יאַם-לייט. זיי האָבן געטרונקען, זיך געקריגט, געשריגן און זיך געזידלט, געזידלט האָבן זיי זיך גוטמוטיק, ניכער צוליב באַזאַלצן דעם שמועס מיט שאַרפע ווערטער, איידער פון בייזקייט.

דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט געוואַרט אָף אַריסטידן, אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, אַ נידעריקער, אַ יאָדערדיקער, דורכגעברענט פון דער זון און דורכגעזאלצן פון יאַם-וואסער, איז אופגעשטאַ-נען פון טיש, האָט געדריקט דעם ריז די האנט און האָט אים אַוועקגעזעצט צווישן זיך און צווישן אַ גראָבן, אַ פאַרברענטן, ברוינפּאַנגעמדיקן מענטשן. זיי האָבן זיך גענומען פאַר די גלעזער, מעכאַבעד געווען טשיקען אויך, דערנאָך האָבן זיי פאַרפירט אַ שמועס. דעם איינגל האָט זיך אויסגעדאכט, אז דער שמועס איז אַן אַ סאָף, און ער האָט קיין וואָרט ניט פארשטאנען. צי דערפאר, ווייל די יאַם-לייט האָבן גערעדט אַפן יאַם-זשאַרגאָן, צי דערפאר, וואָס דער קאָפּ זיינער איז אים געווען פאַרשלאָגן מיט אלץ, וואָס ער האָט געזען, און מיט די געדאנקען וועגן דער קומענדיקער רייזע.

פלוצלינג האָט אַריסטיד איבערגעריסן דעם שמועס און האָט זיך געווענדט צו טשיקען:

— נו, איינגל, מאָרגן פאָרסטו.

— און ער האָט ווייטער פאָרגעזעצט דעם שמועס מיטן גריך, ווי ס׳וואָלט גאָרניט פאָרגעקומען.

בא טשיקען האָט דאָס הארץ אָנגעהויבן קלאַפּן, אזוי ווי ס׳ע וואָלט געוואָלט ארויסשפרינגען פון ברוסט.

און אָט, אז אַלע דריי האָבן זיך צעזויפגערעדט, האָבן זיי זיך פעסט געדריקט די הענט. דער גריך איז געבליבן אָף זיין אָרט, און דער קאַפּיטאַן מיט אַריסטידן מיט טשיקען זיינען אַרויס אין

באַס. דאָרט האָט דער קאַפּיטאַן זיי באַלייט ביזן ראָג און האָט זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט. איצט זײַנען זיי שוין געבליבן אַליין.

— דאָס איז דער קאַפּיטאַן פון „טערעזע", פון מײַן באַר־קאַס, — האָט אַריסטיד געזאָגט, — ער שווימט אַפּ מאָרגן, דו וועסט פאָרן מיט איט. „טערעזאַ" גייט...

— קיין רוסלאַנד? — האָט אַ געשריי געטאָן טשיקאַ.

— ניין. קיין גענוא.

— אָ! האָט טרויעריק געזאָגט דאָס אינגל.

— איך וועל איבערגעבן דעם קאַפּיטאַן, ווי אַזוי ער זאָל זיך מיט דיר באַגיין. אין גענוא וועט ער דיך געוויס באַקענען מיט עמעצן, וואָס גייט אין שוואַרצן יאַם.

— נאָר איך וויל דאָך קיין רוסלאַנד!

אַריסטיד האָט זיך צעלאַכט.

— ביסט אַ נאַרעלע. דער שוואַרצער יאַם איז דאָך אין רוס־לאַנד. וואָס ביסטו, אַן אַווסטראַלער צי וואָס?

— ניין, איך בין אַ סאַן־פּרעדיאַנער, — האָט געענטפערט טשיקאַ.

— נו, אָט, געדיינק־זשע, ברודערל, דער שוואַרצער יאַם איז אין רוסלאַנד. און איצט לאָמיר גיין צו מיר אַהיים, מיר וועלן אָפּעסן, און דערנאָך, אויב דו ביסט מיד, וועקסטו זיך צולייגן שלאָפן. מאָרגן אינדערפרי וועט זײַן רעכט. טשיקאַ האָט זיך מוירע געהאַט אײַנעסן יענעם אין די בײנער, און ער האָט זיך געפּרואווט אָפּזאָגן פון דער גאַסטפרײַנטלעכקייט, כאָטש ס'איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן דער געדאַנק וועגן אַ גוטער וועטשערע און אַן עמעסער בעט. נאָר אַריסטיד איז באַשטאַנען אַף זײַנס. אין אַ מינוט צען אַרום איז דאָס אינגל שוין אַרײַן אין אַ גרויסן צימער. אינמיטן איז געשטאַנען אַ טיש, באַדעקט מיט אַ ברייטן טישטעך און אָנגעשטעלט מיט טעלער. וואָס ס'האָט פון זיי געשלאָגן אַ פּאַרע. אַרום דעם טיש זײַנען געזעסן כעוורע פון אַלערליי עלטער, פון א קליינס אַף אַ הויכן שטולעכל, ביז אַ צוואַנציקיאָריקן באָכער.

צווײ פרויען האָבן זיך געפּאָרעט און זיך געסטאַרעט אײנע-מען די קינדער.

אַריסטידס אָנקום איז באַגעגנט געוואָרן פון אַלעמען מיט אַ פריילעכן געשריי: אַ! אָ-אָ! אַ-אַ!

אַלע וועלפּעלעך זיינען אופגעשפּרונגען פון די ערטע (אויסער דאָס קליינס, פאַרשטייט זיך,) און זיך אַ וואָרף געטון צום פּאַ-טער, אים אַרומגענומען, געקושט און געריסן.

דער ריז האָט געלאַכט, געסאַפּעט, זיך געווערט, אָפּגעוואָרפן די קינדער אין די זייטן, און נאָכאַמאָל זיך געקושט און נאָכ-אַמאָל זיך געזידלט.

טשיקא, וואָס איז קימאַט זיין גאַנץ לעבן געווען אַ יאָסעם, איז דערצו ניט געוואוינט געווען, און ס'איז אים געווען מאָדנע קוקן אַף דעם.

דערנאָך, אַז די קינדער האָבן זיך אַביסל באַרואיקט, האָט אַריסטיד געזאָגט צו אײנער פון די פרויען—צו זיין ווייב:

— נו, איז גיב אונז אָפּעסן. אָט דער כעוורעמאַן—דאָס איז טשיקא פון פלאָרענציע, ער איז אַן עמעסער רעוואָלוציאָנער, ניט דאָס וואָס איר, איר קענט נאָר פישטשען באַם וואַרעמעס און כאַפּן פיש אין בעט.

דאָס עלטערע אינגל האָט אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט. דאָס מויל איז באַ אים געווען פול מיט האַלושקעס.

אַריסטיד האָט אים פאַרשטאַנען.

— נו, נו, דו ביסט אויך אַ גוטער גאָנער. אָט ער—אַריסטיד האָט באַוויזן אַף טשיקען,—ער האָט געבויט באַריקאַדן און האָט זיך געשלאָגן ווי אַ גרויסער. ס'מאַכט ניט אויס, וואָס ער איז די גרייס ווי אַ פליג. און אָט, אַז ס'איז אים נימעס געוואָרן זיצן שטיל, ווי אַ קעצעלע, אונטער די פּאַשיסטן, האָט ער גענומען די פיס אַף די פּלייצעס און האָט זיך אַוועקגעלאָזן צו לענינען! אָט-וואָס!

טשיקא האָט זיך זייער פאַרשעמט פון אַזוינע לויב-ווערטער. אַריסטיד האָט אַליין געמוזט אַראָפּנעמען באַ אים דאָס היטל און דאָס זעקל און אים באַזעצן צום טיש.

דאָס איז געווען אַזאַ אָוונט, אַז טשיקאַ האָט אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אָנגעגעסן האָט ער זיך אַף צעזעצט ווערן, און די כעוורע זיינען געווען אויסגעצייכנטע. ער איז געווען האַלב-שי-קער, ניט אַזוי פון ווייַן, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען אין שיינקע פון אופרעגונג.

נאָך אין יענעם אָוונט האָט ער אָפּגעטון אַ שווערע, שרעק-לעכע אַרבעט: ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו.

אָנגעשריבן האָט ער אים פאַרן שלאָף אין אַ ליב צימערל, וואו ס'זיינען געשטאַנען דריי בעטלעך און וואו ער האָט דערנאָך באַנאַכט געזען וואונדערלעכע אומבאַשרייבלעכע כאַלוימעס.

װ׳. כידושים

אין אַ פּאָר טעג אַרום, גאַנצפרי האָט דער בריוו-טרעגער גע-בראַכט דעם אַלטן פלוטאָן אַ בריוו. דער אַלטער האָט אָנגעטון אַף דער נאָז די ברילן און האָט באַלד דערזעען, אַז דער בריוו איז אָנגעקומען פון ליוואָרנאָ. ער האָט אים געעפנט און האָט אָנגע-הויבן לייענען — מיט צאָרעס, ווייל ער איז צו דער אַרבעט ניט געוואוינט געווען. ס'האָט באַ אים ניט געקלעקט קיין געדולד, און ער האָט אַ רוף געטון זיין איידעם:

— זיי אַזוי גוט, לייען מיר איבער דעם בריוו, עפּעס פאַר-שטיי איך אין אים גאָרנישט. טשיקאַ שרייבט, אַז ער פאָרט אַוועק עפּעס מיט אַן אַלטינקער. וואָס איז דאָס פאַר אַן אַלטינקע? לייען גיכער, איך האָב קיין געדולד ניט.

— נו, אין אָט די שטעקנס און קאָטשערעס קען דער רועך אַליין די פיס צעברעכן,—האָט זיך צעלאַכט דער איידעם און האָט זיך גענומען קאָרפּען אין דעם בריוו.

פלוטאָ האָט אים אַלעמאָל איבערגעריסן מיט אויסרופן און מיט געלעכטער.

אָנגעשריבן איז דאָרט געווען אָט-וואָס:

„טייערער פלוטאָ. איך פאַר מאָרגן מיט טערעזען, וואָס איז אַן אַלטע און מיט נאָך אַ אינגל אַזוי ווי איך און טינף מענטשן. און דאָרט איז זעגלען, וואָס ווען אַ ווינט, לויפט ער, ווי דער באַן, מיט וועלכן כ׳בין געפאָרן פון עספּאַלי קיין פיזע. און דאָרט איז אַ שטורעם, וואָס פאַלט, און פונדאָרט קיין ליוואָרנאָ אַף אַוטאָמאָ-ביל און כ׳האָב געפונען סיניאָר אריסטיד איז ער געזונט ווי אַן אָקס און ער שיקט מיך מיט טערעזע און פון טערעזע וועט מען מיך שיקן אין דעם לאַנד, וואָס דו ווייסט, מיט וואָס איך באַגריס דיך און קוש ווערען און דיין טאַטע און איר מאַן. דיין טשיקאָ״.

— אָט דאָס איז אַ יאַט,—האָט אַ געשריי געטון פלוטאָ.—איך קען זיך שווערן, אַז דער כעוודעמאַן וועט זיך דערשלאָגן קיין רוסלאַנד! און וואָס זאָגסטו אַף אַריסטידן! דאָס הייסט אַ מענטש! אָט דאָס הייסט אַ מענטש פון אַלטן דאָר! נאָר ווי אַרום איז דאָס אינגל געקומען אַפן באַן, און פונוואַנען קומט צו אים אַן אַווטאָ-מאָביל? אוי, אַ ברען, אַ ברען!

דער אַלטער האָט געלאָזן אַ טרער. פונקט אין דער מינוט איז צוגעגאַן ווערא,—די האָט זיך אַריינגעכאַפּט פרעגן, צי ס׳איז ניטאָ קיין נייס,— און ווי האָבן זיך צוזאַמען גענומען לייענען טשיקעס בריוו.

— דו ווייסט נאָרניט, פעטער פלוטאָ, ווי איך האָב ליב טשי-קען,—האָט געזאָגט דאָס מיידל.—ער איז אַזוי ענלעך אַף אונזער ניני! ניני האָט אים אויך זייער ליב געהאַט.

*

ווי נאָר ס׳האָט גענומען שאַריען אַף טאָג, האָט טשיקאָ אויפ-געריסן די אויגן, אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און אַ וואָרף געטון זיך צום פענצטער.

נאָר פון פענצטער האָט מען אַרויסגעזען ניט מער, ווי אַ קליין שמוציק הויפל. טשיקאָ האָט זיך פליסיק אַרומגעוואַשן, האָט זיך אָנגעטון, און אָט האָט ער מיט פאַרגעניגן דערהערט, אַז אינם נאָענטן צימער גייט עמעצער אַרום.

— ער האָט שטילערהייט אַן עפן געטון די טיר, און האָט דערזעען אריסטידס פּרוי, נאָך ניט קיין פאַרקעמטע—זי האָט פאַר־קערט דעם צימער. טשיקא האָט געזאָגט:

— גוט מאָרגן, סעניאָרא,—און האָט געעפנט די טיר.

די פרוי האָט זיך צעלאַכט און האָט געענטפערט.

— אַ גוט מאָרגן דיר, יאַטל! וואָס ביסטו אזוי פרי אופגע־שטאַנען?

— ס׳איז דען פרי?

— סיידן ס׳האָט זיך דיר שלעכט געשלאָפן.

— מיר? כ׳האָב, דאַכט זיך, פאר דער נאַכט קיין איינמאָל זיך ניט אופגעכאַפּט! נאָר איך... איך האָב נעכטן צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזעען דעם יאַם, די שיפן,־און ס׳ווילט זיך מיר וואָס גיכער לויפן אהינצו...

— וואַרט נאָר, זאָל עמעצער אופשטיין פון מיינע כעווירע, און ער וועט דיך באַליימן.

— אזא זאך!—האָט אַ טראכט געטון טשיקא,—זייך און ווארט!

ער האָט זיך געסטארעט געפינען עפּעס אַן ארטסרייד.

— אַף וואָס? ס׳איז איבעריק! ס׳איז נישט קעדאַי!... כ׳האָב שוין אייך אזוי אויך דערקוטשעט.

די פרוי האָט זיך צעלאכט.

— ס׳קערט זיך ווען, דערקוטשעט,—און וואָס איז דאָס פאר אַ גאנג, אוועקגיין פון שטוב אפן ניכטערן הארצן, אָן אַ זופּ קאַווע?

דאָ האָט שוין טשיקא זיך צעלאכט.

— אַפן ניכטערן האַרצן! אָן אַ זופּ קאַווע! איר מיינט טאקע אינדערעמעסן, אז איך בין צוגעוואוינט אלע אינדערפרי עסן אָנ־בייסן? ניין, סעניאָרא, בא מיר איז דאווקע א געוואוינשאפט פאסטן ביז ווארעמעס. און ווען ניט דער אלטער פלוטאָ, וואָלט מיר נאָך אויסגעקומען אָפּלייגן דעם ווארעמעס אַף וועטשערע.

— נעבעך,—האָט געזאָגט מיט ראכמאָנעס די פרוי—נו, קאָל־זמאַן דו ביסט דאָ, וועסטו זיך מוזן אָפּזאָגן פון דיין געוואוינשאפט.

אין טיר האָט זיך באַוויזן אריסטיד אָן א ראָק, און דאָס אינגל האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— גוט מאָרגן!

— גוט מאָרגן, שעדל! פּרי. פּרי האָסטו זיך אופגעהויבן.

— ער איז שוין שיר ניט אנטלאָפן, ניט דורכגעשווינקט דעם האַלז, — האָט אריסטידן געזאָגט זיין ווייב און האָט בעוואָרנט דאָס אינגל מיטן פינגער.

— אָט אַ וויזעלע! לאָז אָפּ, לאָז אָפּ, ביז מיר וועלן אָפּעסן, דערנאָך וועלן מיר אוועקגיין אף „טערעזע".

נאָכן אָנבייסן האָט זיך טשיקא אָנגעטאָן, זיך מיט אלעמען אָפּגעזעגנט און איז צוזאַמען מיט אריסטידן ארויס אין גאַס.

גייענדיק האָט אריסטיד פאַרבראַכט מיטן אינגל, אַזוי ווי מיט אַ דערוואַקסענעם.

— באַלד וועל איך דיר באַווייזן מיין באַרקאַס „טערעזע". דאָס איז אַן אַלטע, נאָר אַן אויסגעפּרואווטע, זיכערע שיף, — האָט ער געזאָגט, — און דערנאָך וועלן מיר זיך אופהייבן אַפן באָרט פון דער גרויסער איינגלישער דאַמפשיף, וואָס נעמט איצט אָן מאַ-טראָסן אַף קאַלקוטע.

טשיקאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט, נאָר איינדערעמעסן האָט ער ניט ...אוסט, צי איז קאַלקוטאַ אַ שטאָט, צי א לאַנד, צי גאָר אַ נאָ...ען פון אַ שיף.

דערנאָך איז מען אַריבער אַף אַן אַנדער שמועס, און דער אַלטער יאַם-מאַן האָט זיך צערעדט וועגן די פאַשיסטן און וועגן דעם, וואָס פריער האָבן זיי אין אַלע צאָרעס אַרופגעוואָרפן די קלאָג אַף די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, און איצט, אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, האָבן זיי דערפירט איטאַליע ביז דער עק-סטער אָרעמקייט, ביז גרויסע אומגליקן. אַלץ גייט צו גרונט, אַפילע דער מיסכער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אין האַפן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ווינציקער שיפן און ווינציקער אָפּגיין.

מיר מיט מיין מישפּאָכע איז איצט זייער שווער. ס'איז שווער אויסשלאָגן די הויצאָעס. איך האָב זיך געוועט גע-

קיפּס א שטיקל ערד אונטער מאָנטעווערדא. איך האָב גערעכנט אַף דער עלטער זיך אופהערן ארומשלעפּן איבערן יאם. און איצט האָב איך דאָס געמוזט פאַרקריפּן. ווי קענען איצט לעבן אַרבעטער, פאַרשטיי איך ניט. אמער, דו ווייסט דאָס אליין. ברויט מיט ציבעלע איז ברויט מיט ציבעלע, נאָר לאָזט אונז זיין פריי. נאָר וואָס, ווען? איצט טאָר מען קיין פּיפּס ניט טון. גייסט אין גאס, כאָ קוק זיך אום, צי איז ערגעץ ניטאָ קיין שטעקן, צי פליט אַף דיר ניט קיין שטיין פון אונטערן ראָג! ערגער ווי פאַר די דייטשן. דעמאָלט האָסטו כאָטש געוואוסט איין זאַך — היט זיך פאַר דייטשן און פאַר שפּיאָנען. און איצט? פע! — דער יאַם-מאן האָט מיט קאַס א שפּיי געטון.

— איצט פאַרברייגגסטו מיט א גוטן ברודער, איז אַפּדערנאכט, אז די קערסט זיך אום א מידער פון דער אַרבעט, קוקסט זיך גאָרניט אום, — פליען אַף דיר אָן א צוויי צענדליק ראָצכים, ברעכן דיר איבער די ריפּן מיט זייערע שטעקנס, אָדער זעצן דיר ארייַן אַ מעסער אין רוקן. זאָלסט אָנקוקן מיינע מאַטראָסן! א ווייטיק צו קוקן.

— די פאשיסטן ווייסן, אַז מיר טראָגן עפּעס אין הארצן, און קוקן נאָך יעדן טריט אונזערן. ס׳גייט ניט דורך קיין האָך, אז זיי זאָלן עמעצן ניט צעקאלעטשען. און אלץ — צענען אַף איינעם, און אלץ — אין דער פינצטער! און דערנאָך, אז דו דערקענסט עמעצן פון זיי און לייגסט ז׳ים אָן די ביינער — איז גאָר אן אומגליק! אָט לאָמיר נעמען מיין וואַלענטע. האָט ער אַריינגעכאַפּט צוויי רעוואָלווער-קוילן אין רוקן און זעקס כאַדאָשים טורמע. און ווי נאָר ער איז ארויס פון טורמע... נאָר וואָס דאַרף מען דאָ ריידן! איצט ליגט ער אין דער ערד אפן בייסוילעם. צעריסן, צעטאָפּטשעט, פארפייניקט, — און דער באָכער איז דאָך געווען אף צוויי קעפּ העכער פון מיר. א לעבן! עך! ווען איך קען זיך אַרויסכאַפּן פונדאנען! נאָר ס׳איז דען פאַר מיר? מיט אלע מיינע ארפּעלער! שווייג איך שוין. ייך טו קיין פּיפּס ניט. ווען איך זאָג נאָר א וואָרט, וואָלטן זיי מיך געמאַזיקט, וואָלטן פארברענט מיין

שטוב און אומגעבראכט מײן װײב און קינדער. זײ לאָזן אַלײן— װעלן זײ אױסשטאַרבן פֿון הונגער. און עמעצע קײט איז א מישפּאָכע...

דער רײז האָט שװער א זיפץ געטאָן.

דערװײל זײנען זײ צוגעגאַן צום בריק, און באַם אָנבליק פֿון די שיפֿן און די זעגלבױמער האָבן זײ עפּעס װי ניט װילנדיק אָפּגעטרײסלט פֿון זיך אלע שװערע געדאַנקען.

זײ האָבן פֿאַרקערעװעט רעכטס פֿארבײ דעם קאַנאַל און אַריסטיד האָט אַ פֿײף געטאָן צו א שיפֿער. יענער איז מיט עט־לעכע קלעפּ פֿון די רודערס געװען באַ דער דאַמבע. דער אַל־טער יאַם־מאַן מיטן אײגל זײנען אַראָפּ אין שלופּ און געזאָגט דעם שיפֿער, װאוהין ער זאָל זײ פֿירן.

טשיקאַ איז געקומען צום אױספֿיר, אַז שװימען אין א שלופּ איבערן יאַם (באַ אים איז דער קאַנאַל אױך געװען א יאַם) — איז אלצײנס, װאָס שװימען איבער דער אַרנאָ.

— אַפּאָנעם, אַז אין אָפּענעם יאַם װעט זײן אנדערש,— האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

אַרום און אַרום זײנען געװען באַרקעס, זעגלשיפֿלעך, קא־טערס, דאַמפּפֿערס. און אָט זײנען די באַרקאַסן, װאָס זײנען אי־בערגעקערט מיטן דעק אַרױף.

מינעסטאַם האָט זײ איבערגעקערט דער שטורעם, — האָט טשיקאַ געפֿרעגט.

— נײן. מע רײניקט פֿון זײ אָפּ די יאַם־שיסעלעך און מע פֿאַרקיטעװעט די דעקן, — האָט אַריסטיד געענטפֿערט מיט א שמײכל.

דער שלופּ האָט אױסגעפֿעלט די אַרקע, איז אַרײַן אין אַלטן פּאָרט און איז צוגעשטאַנען צו דער דאַמבע.

טשיקאַ און אַריסטיד האָבן זיך אױפֿגעהױבן מיט א לײטער, און אַ גוטע פֿערטל שאָ זײנען זײ געגאַן מיט די רעלסן פֿון דער אײַזנבאַן־ליניע. זײ האָבן זיך אױפֿגעהױבן אף אַ בריק, אױסגע־

פעלט איין קאַנאַל, צוגעגאַן צו א צווייטן, ווייער אַ ברייטן, וואָס אינמיטן אים זיינען געשטאַנען צוויי ריזיקע דאַמפשיפן. אַרום זיי האָבן זיך געטומלט מענטשן, אויסלאָדנדיק פון די טרומען ברויט און אָנלאָדנדיק אים אין וואַגאָנעס.

זיי זיינען צוגעגאַן ביז דעם אריינגאַנג אינם קאנאל. פונדאַנען האָט מען שוין אויסגעזען דעם אומענדלעכן יאַם. דעם טייל האפן האָט מען גערופן — נייער פּאָרט. דאָ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ גרויסן באַרקאַס. די טרעגערס האָבן איבער צוגעשטעלטע שטייג-ברעטער, אַרופגעקייקלט שווערע פעסלעך אַפן באַרקאַס. דערנאָך האָט מען זיי אופגעהויבן אינדערלופטן אף קאַנאַטן, איבערגעווארפענע אַף אַ בלאָק, און זיי אַראָפּגעלאָזן אין טרום. דער קאפיטאן, וואָס פאַר זיין קליינעם וואוקס און פאַר זיין גרעב האָט מען גערופן האַרמאט, כאָטש זיין עמעסער נאָמען אין געווען פעליטשע אגעטי, האָט אָנגעפירט מיטן אָבלאָדן.

אריסטיד האָט צוגעווארט ביז א פאס האָט זיך אופגעהויבן אינדערלופטן און די שטייג-ברעט האָט זיך באפרייט, און איז ארופגעלאָפן צוזאמען מיט טשיקען אַפן בארקאס. מינעסטאם האָט קאָלומבוס, אז ער איז ארופגעטראטן אף דעם אומבאקאנטן לאנד, זיך ווינציקער געפרייט פון טשיקען, ווען ער האָט זיך דערפילט אַף דער שיף.

אַריסטיד האָט אַ שמועס געטון מיטן קאפיטאן וועגן געשעפט, און דערנאָך האָט ער אים פאָרגעשטעלט טשיקען און האָט אים געגעבן די נייטיקע אָנווייזונגען וועגן אים.

דער קאַפיטאן האַרמאט האָט אים אופגענומען ווייער פריינטלעך, האָט א רוף געטון דעם יונגע, געהייסן אים אָפּפירן טשיקען אַפן נאָז און אים צוגרייטן א בעטל.

אַפן באק איז געווען פינצטער, ס'האָט געשטונקען מיט פעך און מיט פעטס, נאָר טשיקען האָט דאָס דאַווקע ניט געארט. זיינע אויגן זיינען צוגעוואוינט געוואָרן צו דער פינצטער, און ער האָט דערזען, אז דער יונג טאָפטשעט זיך אף איין אָרט.

[illegible] אין א טאָג אַרום איז ער געקומען
מיט א בעטל און מיט א שטרוי-זאק.

— אָ—אָ, ס'אַרא בעטגעוואַנט,—האָט א געשריי געטון טשיקא.
אין מיין לעבן בין איך נישט געשלאָפן אף אַזא עמעסע פּערינע!

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן אפן בעטל זיין זאק און האָט זיך
צוגעזעצט.

— ווי אַזוי רופט מען דיך?—האָט ער געפרעגט.

— בעפּע. און דיך?

— טשיקאַ.

— אָ—כאָ—כאָ! ווי געפעלט דיר א נאָמען! א ציגאַרן-שטיקל!
ווער האָט דיר עס אַזוי א נאָמען געגעבן?

— איך געדיינק שוין אליין נישט, מע האָט מיך שטענדיק אַזוי
גערופן. דו דינסט שוין לאַנג אף „טערעזע"?

— ניין, ערשט א האַלב יאָר.

— און דער קאַפּיטאַן איז א גוטער?

— אַ גוטער ביז ער ווערט אין קאַס. און אַז ער צינדט זיך
אָן — איז באַוואַרן זיך איט נישט אף די אויגן. פּונדעסטוועגן האָבן
אים אַלע ליב, וואָרים ער איז א גוטער-ברודער — א יאַט.

— און וואָס איז אין די פעסלעך?

— קישקעס. מע פירט זיי אף א וואורשט-פאבריק.

טשיקא האָט זיך צעלאַכט.

— וועלן, הייסט, עס בא „טערעזן" אין בויך זיין קישקעס!
מע דאַרף זיך האַלטן פאַר די זייטן.

דערווייל האָט אַריסטיד א רוף געטון טשיקען, ער האָט אים
געוואָלט פירן אף דער איינגליטער דאַמפשיף. טשיקא האָט
זיך צעזעגנט מיט זיין נייעם כאַווער, מיטן קאַפּיטאַן, מיט די
מאַטראָסן, מיט די טרעגערס און איז אַוועקגעלאָפן מיט
אַריסטידן.

כאָטש דעם איינגל האָט זיך זייער נישט געוואָלט איינעסן אַריס-
טידן, פונדעסטוועגן האָט ער אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן וועגן

„טערוזעך", וועגן רייעס [1]), טויען [2]), זעגלען און וועגן טויזנטער אנדערע זאכן.

זיי זיינען צוגעשוואומען מיט א שלופ צו דער דאמפשיף און טשיקא האָט זיך שיר ניט געבראָכן דעם האלז און נאקן, פאַ-רייסנדיק דעם קאָפּ צו באטראכטן דעם שטאָלענעם ריז.

— ער איז העכער פון אונזער פלאָרענטינער קלויסטער, — האָט אַ טראכט געטון דאָס אינגל.

דערנאָך האָט ער זיך מיט אריסטידן אופגעהויבן אף דער שיף און ס'האָט אים פארכאפט דעם אָטעם. ער האָט דערזעען א ברייטן פלאך באדעקט מיט ברעטער, און אינמיטן—א ריזיקן פירעקעכיקן אָפּגרונט. דער פלאך איז געווען ארומגעצאַמט מיט אייזערנע שטאכעטן. אינמיטן דעם פלאך אַף א הויכן זעגלבוים האָט גע-פלאַטערט א פאַרשיידנפארביקער פלאג. אין דער רעכטער האנט איז עפעס געשטאנען, אזוי ווי א שטוב מיט פענצטער און מיט טירן, און אַפן דאך פון שטוב—א טורעמל מיט א בריקל. בא די זייטן פון שטוב זיינען געווען צוויי שמאָלע אָפענע קאָרידאָרן, און פון זיי האָט מען אויסגעזען אף יענער זייט שטוב נאָך אזא פלאך. דאָרטן זיינען געווען אָנגעוואלגערט קאנאַטן און קייטן און ס'איז געשטאנען זייער א הויכער זעגלבוים, און פון דעם זעגלבוים זיינען, אַזוי ווי צווייגן, אָפּגעגאן רייעס, שטריק און קייטן האָבן זיך איבערגעפלאָנטעט אין א געדיכטן געפלעכט. אפן דאַך פון שטוב, אונטערן טורעמל מיטן בריקל, האָט זיך אויסגעזען א ריזיקער אייזערנער קוימען. ס'האָבן זיך אופגעהויבן פון אים שווארצע קנוילן רויך.

פלוצלינג האָט אפן צווייטן פלאך אָנגעהויבן אַרבעטן א דאמף-קראן, האָט אָנגעהויבן קלאפן און טראסקען. ס'האָבן זיך דערהערט געשרייען און א טופען פון מענטשן, און רודעס מארמאר האָבן זיך אָנגעהויבן אופהייבן אין דער לופטן פון די בארקאסן, וואָס זיינען געשטאנען אונטער דער דאמפשיף, און פון דער הייך האָבן זיי זיך לאנגזאם אַראָפּגעלאָזן אין אָפּגרונט.

---

[1]) רייעס—זעגל-שטאנגען. [2]) טויען—שטריק אף ציען די זעגלען.

— דו האָב קיין מוירע ניט, — האָט אַריסטיד בעזאָגט דעם אינגל. — גיי און גיב א קוק, ווי אזוי קומט דאָס פּאָר.

טשיקאַ איז פריער צוגעלאָפן און האָט א קוק געטון אין טרום — א קוק געטון און אַ אויקע געטון — אַזוי גרויס און גראָם איז ער געווען. מענטשן האָבן דאָרט באַפרייט פון די קאַנאַטן די מאַרמאָרנע רודעס און זיי צונויפגעלייגט איינס אפן אַנדערן. דערנאָך איז ער ארויף אפן קאַפּיטאַנס בריקל; פונדאָרט האָט מען גוט אויסגעזען דעם אלטן פּאָרט און א האלבע שטאָט. מע האָט אים באַוויזן די מאַשין-אָפּטיילונג, די דאַמף-קעסלען, די קאַיוטעס, דעם עס-זאַל, די קיך, און ס'האָט אים פארדרייט דער קאָפּ, אַז מע האָט אים דערציילט מיט וואָס פאר א גיכקייט קען די דאַמפשיף גיין, ווי שטאַרק אירע מאַשינעס זיינען, ווי דער שרויף אַרבעט און וויפל מאַסע מע קען אָנלייגן אין טרום, — מער פון פינף הונדערט וואַגאָן. און נאָך מער האָט זיך טשיקאַ פאַרכידעשט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די דאָזיקע דאַמפשיף איז פון די קלענסטע, אַז אין נעאַפּאָל זיינען פאַראַן שיפן, וואָס זיינען עפּשער צען מאָל גרעסער און צוויי מאָל גיכער.

VII. אַ צאָרע!

שוין נאָך האַלבן טאָג זיינען אריסטיד מיט טשיקען אוועק אַהיים. נאָך מיטאָג האָט אריסטיד זיך צוגעלייגט, און דאָס אינגל איז אוועק זיך אביסל ארומדרייען איבער דער שטאָט. פריער פון אַלץ, פאַרשטייט זיך, איז ער אוועק אין פּאָרט — דאָרט האָט ער זיך אורעקגעשטעלט קוקן, ווי אַף אַ ריזיקער ווערף בויט מען אַ דאַמפשיף און מע פאַריכט זעגלשיפלעך. איצט איז ער שוין ניט געווען קיין פּראָסטאַן. ער האָט שוין געקענט אונטערשיידן אַ קאַטער פון אַ באַרקע און אַ שרויפדאַמפער פון א ראָד-דאַמפער. ער האָט שוין איצטער פאַרשטאַנען אפילע אביסל די שפּראַך פון די יאַם-לייט.

— עפשער זאָל איך גאָר ווערן אַ מאטראָס? — האָט ער זיך אַ טראַכט געטון.

פלוצלינג האָט ער דערזעען עפּעס אַ באַקאַנט פּאָנעם. ער האָט אַ ציטער געטון.

— וואָס איז דאָס פאר אַן אָנשיקעניש! נאָר ער דרייט זיך, אָט דער טויגעניכטס, פאר די פיס!

יענער האָט דערזעען טשיקען און איז בלייך געוואָרן פון שרעק. דאָס איז געווען שלאַנג! נאָך אמאל שלאנג — דאָס אינגל, דער פאשיסט פון סאן-פרעדיאנאָ, וואָס טשיקא האָט זיך אָפּט מיט אים געשלאָגן. דאָס האָט ער אָנגערייצט די באנדע, וואָס האָט עטלעכע טעג צוריק פארוואָרפן טשיקען און טאָפּאָן מיט שטיינער. טשיקא האָט באמערקט, אַז שלאַנג האָט זיך דערשראָקן.

„ער איז ניט אַליין. דער, וואָס איז מיט אים, איז מינע-סטאָם אַ פאשיסט. נאָר ס'מאכט ניט אויס, איך וועל אנטלויפן", האָט אַ טראכט געטון טשיקאַ.

טשיקא איז צוגעגאַן צום קליינעם פאשיסט, און מאכנדיק זיך, אַז ער באמערקט ניט זיין כאַווער, האָט ער אַ געשריי געטון:

— אָ, וואָס איז דאָס, וועמען זע איך דאָס? דו ביסט אויך אין ליוואָרנאָ?

שלאַנגן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז טשיקאַ האָט זיך אינדער-עמעצן דערפרייט מיט אים. און וואָס איז? ער האָט דען פאר אים אים מוירע? אַז מיט אים גייט אַזאַ געזונטער באָכערעך פון אַ יאָר פופצן! און טשיקאַ מיינט דאכט זיך גארניט קיין שלעכטס. און ער האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— יאָ, מיר זיינען אַהערצו געקומען מיטן טאַטן. ער וויל דאָ דינגען אַ דירע אַפן באָד-סעזאָן.

דער שאָפער דזשידזשי ראטי, שלאנגס פאטער, איז ניט אומזיסט געווען אַ פאַשיסט. פאר דער צייט פון פאַשיזם האָט ער אָנגעזשעבערעוועט אַ גוטן פארמעגן.

— זייער אנגענעם, — האָט טשיקא געענטפערט און האָט אַ ווינק געטון אַפן צווייטן — דער איז אויך אַ פאַשיסט?

— ווי דען, ווי דען,—האָט יענער געענטפערט מיט גאַדלעס,— און איר זייגט אויך אַ פאַשיסט?

שלאַנג האָט אַ שטורכע געטון זיין כאַוועד אין זייט מיטן עלנבויגן, און טשיקאַ האָט אף אים אַ קוק געטון מיט אַ פּאָר אויגן אף דורכשטעכן אים דורך און דורך.

— איך אַ פאַשיסט? אַלע פאַשיסטן בא אייך אין ליוואָרנאָ זייַנען אַזוינע סמאַרקאַטשעס ווי דו?

— וואָס?—האָט יענער אַ געשריי געטון. ער האָט שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך.

נאָר טשיקאַ האָט זיך אפילע אף אים ניט אומגעקוקט און האָט אַ שפּאַן געטון צו שלאַנגן.

— דו געדיינקסט דיינע שטיינער אַנומלטן?

— איך געדיינק,—האָט שטיל געענטפערט שלאַנג און האָט געכאַפּט אַ ציטער.

— און דו געדיינקסט, אַז איר זייגט געווען אַכצן און מיר נאָר אינצוויייען: איך און טאַפאַ? און אַז איר האָט זיך געלאָזט אַנטלויפן, האָט מען אייך ניט געקענט אָניאָגן, ווייל איר זייגט שוין געווען ווייט?

שלאַנג האָט ניט געענטפערט. און טשיקאַ האָט אַ געשריי געטון:

— איצט וועסטו בא מיר אריינכאַפּן דערפאַר!

שלאַנגס כאַווער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי, ער האָט זיך פאַרלאָזן אף זיין קריעך.

— אַ נו, יאַטל, כאַזער נאָר איבער,—האָט ער מיט צאָרן אַ געשריי געטון.—כ'וועל דיך דאָך צערייבן אפן אָרט, דו וואַרעם איינער!

— מיר וועלן זען,—האָט אַ געשריי געטון טשיקאַ, און איידער יענער האָט זיך נאָך ארומגעקוקט, האָט ער אים שוין צעוועצט די נאָז און זיך ארופגעוואָרפן אַף שלאַנגן. נאָר שלאַנג איז שוין אַווי געלאָפן, אַז מע האָט נאָר די פּיאַטעס אויסגעזעען. טשיקאַ האָט אים אָנגעיאָגט, אַ שליידער געטון אף דער ערד

און האָט אים גענומען לייגן. שלאַנגס כאַוער איז געקומען צו זיך, און אַנשטאָט דעם, ער זאָל לויפן צו הילף, האָט ער זיך גענומען שרייען: — צו אונז! צו אונז! — דאָס איז דער שטענדיקער רוף פון די פּאַשיסטן. טשיקאַ, אַז ער האָט דערהערט דעם-דאָזיקן געשריי, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז באַלד וועלן זיך אָנלויפן פון אַלע זייטן פאַשיסטן. ער האָט געגעבן דעם לעצטן סטוסאַק שלאַנגן, אים אָפּגעשליידערט פון זיך, זיך אַרופגעוואָרפן אויף זיין כאַווער און אים אַריינגעהאַקט זיין קולאַק אין די ציין אַריין. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזן צום קאַנאַל, אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, אַראָפּגעטוקט, ווי אַ פיש, און זיך באַהאַלטן אונטער איינער פון די זעגל-שיפלעך, וואָס זיינען געווען איבערגעקערט מיטן דעק אַרויף.

ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ מיעסע מאַיסע. דאָ קען מען אים גרינג כאַפּן, און אַ נאַסער אַרויס אויפן ברעג קען מען ניט.

אין דער רעגע האָט טשיקאַ באַמערקט ניט ווייט פון זיך אַ שלופּ און האָט דערקענט אינם שיפער דעמזעלבן, וואָס האָט זיי אינדערפרי אַריבערגעפירט אויף „טערעזע". ער איז צוגעשוואומען צום שיפל און האָט שטילערהייט אַ רוף געטון דעם שיפער. יענער האָט אים דערקענט. טשיקאַ איז אַריין אין שיפל.

— גיכער, פעטערל, פיר מיך אויף „טערעזע",— האָט טשיקאַ געזאָגט. — כ'האָב ערשט אָנגעבראָכן די ביינער צוויי אינגלעך פאַשיסטן, און זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען: „צו אונז!".

— רעכט, רעכט,— האָט דער אַלטער געענטפערט,— לייג זיך אויפן דעק.

אַז דאָס אינגל האָט זיך אויסגעצויגן אונטער דער באַנק, האָט דער שיפער אַרופגעוואָרפן אויף אים זיין רעקל.

— גיב מיר אָפּ דיין היטל, כ'וועל זי אַריינוואַרפן אין וואַסער. זאָלן זיי דאַרט מיינען, אַז דו ביסט דערטרונקען געוואָרן.

דערווייל האָט ער זיך אָנגעלייגט מיט אַלע קריכעס אויף די רודערס.

אַפן ברעג איז זיך שוין צונויפגעלאָפן אַן אוילעם. שלאנג און זיין כאַווער זיינען צעזעצט געוואָרן פון קאַס. דערציילנדיק, וואָס ס׳האָט זיך דאָ געטראָפן. די קליינע פאַשיסטן זיינען געווען אַזוי צערייצט, אַז זיי האָבן זיך אפילו פאַרגעסן שעמען, וואָס זיי צווייען האָט גוט אָנגעלייגט די ביינער איין קליין יאַסל.

אַ פאָליציימאַן, עטלעכע פאַשיסטן און שלאנג מיט זיין כאַווער האָבן זיך געלאָזן לויפן צום קאַנאַל. זיי זיינען געלאָפן איבערן ברעג, געשפרונגען פון איין שיפל אין דער אַנדערער. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען נאָך עטלעכע ושאַנדאַרמען. זיי האָבן געזוכט טשיקעס היטל. אַנדערע האָבן באַשלאָסן, אַז ער איז דערטרונקען געוואָרן, און אַנדערע האָבן גערעכנט, אַז ער באַהאַלט זיך ערגעץ אין אַ שיפל, אָדער ער איז אַנטלאָפן אין שטאָט.

לאָזנדיק די ושאַנדאַרמען באַם קאַנאַל, האָבן די פאַשיסטן זיך פאַרקערעוועט מיט אַ געסל צום שטאָט, און זיי האָבן זיך געלאָזן לויפן און געשריגן. ס׳איז געוואָרן אַלץ מערער און מערער פאַשיסטן. זיי זיינען אַרומגעלאָפן פון איין גאַס אין דער צווייטער, זיי האָבן צעפודעט די גאַנצע געגנט און דערשראָקן אַף טויט עטלעכע פרויען און הינט. אַז זיי זיינען זיך גוט אָנגעלאָפן, האָבן די פאַשיסטן זיך צונויפגעקליבן אַפן פלאַץ וויטאָריאָ, — פאַרכאַפעטע, נאַסע, פאַרשוויצטע און מיט ליידיקע הענט. פון פאַרדראָס האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ פראָצעסיע, און זיי האָבן זיך געלאָזן, זינגענדיק קאַמף-לידער, ביז דער גאַס וויטאָריאָ. צעהיצטע פון לויפן און זינגען, האָבן זיי זיך דאָ אַלע איינעם אַרופגעוואָרפן עפעס אַף אַן אָנגעזעענעם קאָמוניסט און האָבן אים שרעקלעך געשלאָגן. אַן אָפּטייל פאָליציי-לייט האָט אַף דעם געקוקט פונם פענצטער פון פאָליציי-צירקל און האָט פריילעך געלאַכט.

אָט דערדאָזיקער ערשטער ניצאָכן האָט נאָך מער צעהיצט די פאַשיסטן. אין דעם טאָג האָט שוין קיין איין קאָמוניסט אָדער סאָציאַליסט, וואָס די אויסוואורפן האָבן אים געקענט אין פאָנעם, און קיין איין אַרבעטער, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט דער גאַס וויטאָריאָ, זיך נים אויסגעדרייט פון זייערע הענט. מ׳האָט זיך

וועגן דעם דערוואוסט אין די נאָענסטע קוואַרטאַלן, און פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אופגערעגטע אַרבעטער און האָבן זיך געלאָזן אַף די פּאַשיסטן. זיינען דעמאָלט אומעטום צעשטעלט געוואָרן פּיקעטן פון פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, און די פּאַשיסטן האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך צעגיין אַהיים.

VIII. אפן יאַם

פּאַרנאַכט, אַז אריסטיד איז געקומען אַף „טערעזע" און האָט געפונען טשיקען אַ הוילן (דאָס אינגל האָט צעהאַנגען זיין אָנטון, ס'זאָל זיך אויסטרוקענען), האָט ער קיין האַרץ ניט געהאַט זיך בייזערן אַף אים.

— פּאַרשטייסט,— האָט אריסטיד געזאָגט — טיסטא, דער אַלטער שיפער, האָט ליב דעם ביטערן טאָפּן, און אַז ער איז אַביסל האָפּערדיק, שיט זיך באַ אים פון צונג אַלץ, וואָס ער האָט אין קאָפּ. אַז די אויסוואורפן וועלן זיך דערוויסן, אַז דו ביסט אַפּן באָרט פון „טערעזע", וועלן זיי באַלד טעלעגראַפירן אין גענוא, און דעמאָלט וועסטו זיך שוין פון זיי ניט אויסדרייען.

טשיקען האָט פּאַרקלעמט באַם האַרצן, דערמאָנענדיק זיך, אַז איבער אַ נאַרישן געשלעג קען פּלאַצן די גאַנצע רייזע און אַז איבער אים קען ליידן אריסטיד און דער קאַפּיטאַן.

— נו,— האָט געזאָגט אריסטיד,— לאָמיר האָפן, אַז ס'וועט זיך אויסלאָזן צו גוטן. האָב אַ גליקלעכן וועג און קום בעשאָלעם אין רוסלאַנד. גריס לענינען.

זיי האָבן זיך געזעגנט. טשיקא האָט אים האַרציק באַדאַנקט און האָט אים געבעטן איבערגעבן אַ גרוס זיין ווייב און זיינע קינדער.

אַז אריסטיד איז אַראָפּ פון שיף, האָט זיך צעוויקלט אַ גרויסער דרייעקיקער זעגל איבערן באַרקאַס. דער באַרקאַס האָט זיך אַ שאָקל געטון און אַ ריר געטון פונעם אָרט.

אַז דער באַרקאַס איז אַרויס פון קאַנאַל, האָט זיך טשיקען אויסגעדאַכט, אַז די ערד האָט זיך גענומען דרייען אַרום

„טערעזע״. ער האָט דערפילט, אַז ס׳שאָקלט זיך אונטער זיינע פיס דער פּאַלוב און בייגט זיך אַף לינקס און אַף רעכטס. דער לעצ-טער רויטער שטראַל פון דער זון האָט אים א זעץ געטון אין אויג, און די שיף איז אַרויס פון פּאָרט אינם אָפענעם יאַם. כוואַליעס, עמעסע הויכע כוואַליעס האָבן גענומען הייבן „טע-רעזען״ אַף זייערע רוקנס. באַ טשיקען האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ, האָט זיך איבערגעקערט דער מאָגן. עפּעס אַ קנויל האָט זיך צוגעקייקלט צו זיין האַלז. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס הייבט זיך אָן די יאַם-קריינק. ער האָט זיך אָנגעהויבן קערן עפּעס איבער אַ קאנאט, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן לויפן איבערן פּאַ-לוב און שרייען מיט אַלע קויכעס.

— זאָל לעבן דער יאַם! אורא, „טערעזע״. אוראַ-אַ-אַ! דער-נאָך האָט ער זיך גענומען אָנטון. די יאַם-קריינק האָט אָפּגענומען, אַזוי ווי מיט די הענט. דער ווינט האָט געבלאָזן פון צאָפן-מאַי-רעוו, און „טערעזא״ איז געגאנגען גאַנץ גיך.

אַפן טונקל-בלויען פאָן פונם מיזרעכדיקן הימל האָבן זיך נאָך אויסגעזען די טונקעלע בערג לונידזשיאנע, — בערג פון מאר-מאר — און ליווּאָרנער הייכן. ליוואָרנא האָט געפינקלט מיט טויזנטער פייערן. דער לייכט-טורעם האָט געוואָרפן אַפן יאַם אַ לאַנגן העלן שטראַל. ווענערא האָט ליכטיק געברענט אין הימל. אין דער טונקעלער בלוי האָבן איינע נאָך דער אַנדערער זיך אָנגעצונדן שטערן.

יאַם, יאַם! וויפל מאָל האָט ער זיך טשיקען געכאָלעמט, וויפל מאָל האָט ער געפלוידערט ווענגן אים מיט אַנדערע קינדער, און ער איז דאָך טויזנטער מאָל שענער פון אָלע זיינע כאַלוי-מעס! דאָס לעבן אַפן יאַם! אָט דאָס הייסט אַ לעבן!

טשיקא האָט מיט קינע אַ קוק געטון אַפן יונגע, איז צוגע-גאַן צו אים און האָט זיך גענומען מיט אים פלוידערן. דערנאָך האָט ער פאַרבראכט מיט אַ צווייטן, דריי מאַטראָסן און אַפילע מיטן קאַפּיטאַן, וואָס איז געשטאַנען באַם רודער. אַזוי איז דורכגעגאַן די נאַכט אין שמועסן, און פאַרטאָג, אַז טשיקא איז אַנדרימלט

געוואָרן אַף אַ בינטל קאַנאַטן, האָט ער שוין געוואוסט אַסאַך, אַסאַך נייע זאַכן, פון אַסאַך באַרימטע יאַם-לייט, פון זייער לעבן און טויט, און פון אַלערליי שיפן, און כּמעט פליענדיקן האָלענדער. ער האָט שוין געוואוסט אַ וועלט מיט נעמען און טערמינען פון יאַם-לעבן, געאָגראַפישע און אַסטראָנאָמישע.

באַנצפרי איז דער ווינט אָפּגעפאַלן, די זעגלען האָבן זיך אָפּ-געלאָזן און זיינען געהאנגען אַף די זעגלבוימער ווי שמאַטקעס. די זון האָט געבראָטן; ס'איז ניט געווען וואָס צו טון. טשיקא האָט געהאַלטן אין איין ווערטלען זיך, און די מאַטראָסן האָבן זיך געקאַפּשעט פון געלעכטער. ס'איז זיי געווען זייער קאָמיש, וואָס דאָס אינגל האָט אַזאַ פּאַר קורצער צייט איבערגענומען אַלע גיינג פון אַן אלטן יאַם-מאַן, ווי ער פאַרשטעקט דאָס די הענט אין די קעשענעס, שפּייט אין די זייכן און שיט מיט יאַם-ווערט-לעך.

האַלבן טאָג האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט: דער ווינט שטאַרקט זיך פון דאָרעם-מאַ'ירעוו, ס'רוקט זיך אַ שטורעם. טשיקען האָט אָנ-געכאַפּט אַ מוירע. נו, וואָס וועט זיין, אַז דער שטורעם וועט זיי צעקלאַפּן דעם באַרקאַס—איז אַ סאָף דעמאָלט מיט זיין רייזע און מיט אים אַליין און מיט אַלע זיינע שמאַטעס!

נאָר פונדעסטוועגן האָט ער מיט אומגעדולד געוואַרט אַפּן שטורעם.

„דער ברעג איז דאָך ניט וויט“,—האָט ער זיך געטראַכט, „טאָמער עפּעס וועט „טערעזע“ צוגיין צום ברעג, זיי וועלן אַרויסשפּרינגען אין וואַסער און וועלן צושווימען צו דער ערד, ער וועט זיך דאָך געוויס דערשלאָגן. באַ אים איז דאָך שווימען ניט קיין נייס. אינגיכן איז זיין נייגעריקייט באַפרידיקט געוואָרן,— און נאָך ווי אַזוי! וואָלקנס האָבן פאַרצויגן דעם הימל, די זון איז פאַרשוואונדן געוואָרן, דער ווינט איז געוואָרן פרישער, די לופט פייכט, און דער באַרקאַס אונטער אַלע זעגלען האָט גענו-מען טאַנצן איבער די ברייטע כוואַליעס. אָט האָט ער זיך אויפגע-הויבן אין דער הייך, און אָט איז ער געפלויגן אין אָפּגרונט. דעם

אינגלס מאָגן האָט זיך ווידער איבערגעקערט, די פיש, וואָס מ'האָט ערשט אַרויסגעכאַפּט פון יאַם און ער האָט זיי אופגעגעסן, האָבן מיטאַמאָל באַשלאָסן זיך אומקערן צוריק און האָבן גענו-מען זיך דרייען באַ אים אין די געדערים. טשיקא האָט ווידער אַמאָל געמוזט אָנעמען שטאַרקע מיטלען. ס'איז אָפּאָנעם געווען ניט גרינג אים בייקומען, און נאָר אינגיכן איז ער געקומען צו זיך. ער האָט דעם עקיפּאַזש ניט געשטערט. פאַרקערט, ער איז צונויף געקומען. אַ פלינקער און אַ שטאַרקער, ווי אַ מאַלפּע, פלעג ער אַרופקלעטערן וואו מ'האָט נאָר געדאַרפט. אין משך פון אַ פּאָר שאָ איז ער געוואָרן אַ גאַנץ גוטער יונגע.

— נו, באָכער, ביסט דאָך אַ בעריע,— האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע דער קאַפּיטאַן האַרמאַט אַזוי רואיק, ווי ער וואָלט געשטאַנען באַ זיך אין צימער.—דיר איז, אַפּאָנעם, אָנגעשריבן גע-וואָרן, אַז דו זאָלסט ווערן אַ יאַם-מאַן. טו אַ שפּיי אַף דער ערד און בלייב אַף „טערעזע".

— ניין, קאַפּיטאַן, איך האָב געשעפטן,— האָט טשיקא ערנסט געענטפערט.

דער שטורעם האָט זיך געשטאַרקט. ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די נאַכט, אַ שטאָק-פינצטערע. דער ווינט האָט געווילדעוועט, די כוואַליעס האָבן זיך געשלאָגן איינע אין דער צווייטער. ס'האָט אַ גאָס געטון אַ שלאַקס-רעגן.

די זעגלען זיינען שוין לאַנג געווען אַראָפּגעלאָזן. צוויי מענטשן האָבן מיט גרויס מאַטערניש געקערעוועט מיטן רודער, אָנשטעלנדיק דעם באַרקאַס מיט דער נאָז צו די כוואַליעס. אַלע אי-בעריקע צוואַמען מיט טשיקען און מיטן יונגע האָבן פיבעריש גיך געפּאָמפּעט פונם באַרקאַס די וואַסער, וואָס האָט געקייקלט אי-בערן באָרט. פאַרפרירענע, אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע האָבן זיי אַף קיין רעגע ניט געטאָרט זיך אויסגלייכן, קיין צייט ניט געהאַט אָפּעטעמען. אין די עטלעכע שאָ האָט טשיקא דערזעען די צווייטע זייט פונם יאַם-לעבן, די שווערע און אומדערבאַרעמדיקע. דאָס אינגל האָט געאַרבעט באַם אונטערדעק. זיך אָנכאַפּנדיק באַ

אַ קאַנאַס, ס׳זאָל אים ניט אַרונטערוואַשן, האָט ער אַף אַ רעגע אופגעהערט אַרבעטן. אין דער מינוט האָט ער דורכן פייף פון ווינט אויסגעהערט ווי די מאַטראָסן, פון יאַם דערהערט עטלעכע ווערטער, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט איינעם פון די מאַטראָסן, וואָס איז געשטאַנען באַם רודער. זיי האָבן ביידע זיך געסטאַרעט איבער־שרייען דעם שטורעם.

— דעם לייכט־טורעם זעט מען ניט.

— מיר דאַרפן זיין ערגעץ אַף דער הייך פון טינאַ.

— זאָל איך פייגערן, אויב איך ווייס, וואו מיר זיינען!

— דערווייל הערט מען נאָך ניט דעם יאַם־שלאָג!

— נו, אַז מיר וועלן שוין דערהערן, איז אַ גוטן טאָג!

טשיקע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די נאַכט וועט זיך שוין קיינמאָל ניט ענדיקן. קיינמאָל אין לעבן האָט ער נאָך אַזוי ניט געוואַרט אַף טאָג. קיינמאָל ניט! אַפילע אין יענער שרעקלעכער נאַכט, ווען די איינוואוינער פון סאַן־פרעדיאַנאַ האָבן זיך די באַ־ריקאַדעס געוואַרט אַפן אָנגריף פון די פאַשיסטן און דער פּאָליצײ.

ווען טשיקאַ וואָלט אַ ביסל מערער פאַרשטאַנען אין אָט די זאַכן, וואָלט ער געוואוסט אין וואָס פאַר אַ געפאַר ס׳געפינט זיך זייער באַרקאַס. דער ווינט האָט געטריבן דעם באַרקאַס צו דעם הוילן שטיינעריקן ברעג פון דער מיזרעכדיקער ריוויערע. און ס׳האָט ניט געהאָלפן די גאַנצע געניטקייט פון האַרמאַטן און פון זיינע מאַטראָסן. דער שטורעם האָט ניט געלאָזן אָנציען קיין שטיקל זעגל, זיי זאָלן קענען אָפּגיין טיפער אין יאַם. די פראַגע ווען דעם, צי מע זעט אויס דעם לייכט־טורעם צי ניט, איז געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט. אויב יאָ, קענען זיי נאָך האָפן אַריינגיין אינעם אויסגוס ספּעצי, און אויב ניט, וועלן די כוואַליעס געוויס צעשלאָגן דעם באַרקאַס, ווי אַ ניסל, אין די שטיינערנע ווענט פונעם בערג.

טשיקאַ האָט זיך נאָכאַמאָל גענומען פאַר דער אַרבעט, נאָר אין דער מינוט איז אָנגעפלויגן אַ שקוואַל. דער אונטערדעק איז פאַרשוואונדן געוואָרן. דערנאָך איז די גאַנצע שיף פאַרשוואונדן

געוואָרן, און ער איז געבליבן אליין אין אַ געדיכטן וואַלד, אין וועלכן ס'האָבן זיך צונויפגעמישט אַלע געראַנקען אין איין אומבאשרייבלעכן רעווען, ברומען, פייפן, וואָיען, דונערן, קנאַלן.

באם איינגאַנג האָט אַ בליץ געטון אַ געדאַנק, אַז כאָטש ער קען גוט שווימען, נאָר אין אַזאַ געגנט וועט ער זיך ניט האלטן אפילו קיין פערטל שעה.

— אַדיע, רוסלאַנד! אַדיע, סאַן-פרעדיאַנאָ! אַדיע, לעניִן! — האָט ער פאר זיך אַ געשריי געטון.

דאָ האָט מיטאַמאָל אַ שטויס געטון דעם באַרקאַס, און טשיקאָ האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, און איידער ער איז נאָך אויפגעשטאַנען, איז די נאָז פון שיף איינגעזונקען געוואָרן אין אַן אָפּגרונט, און אַ שרעקלעכער שטראָם האָט אים פאַרפלייצט. דעם איינגאַנג האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די וואַסער האָט אים צונויפגעפלעצט, דערנאָך האָט זי אים אונטערגעוואָרפן אין דער הייך. דער פּאַלוב איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון אונטער זיינע פיס, ער האָט אַ מאַך געטון מיט די הענט אָפּ זיך אָנכאַפּן אין עפּעס. די הענט האָבן נאָר אַ פּלוכע געטון איבער דער וואַסער, דער ק.פּ האָט זיך אַ זעץ געטון אין עפּעס אַ האַרטער זאַך, און טשיקען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער פליט ערגעץ אַראָפּ אין אָפּגרונט טיף, טיף, מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַז ער פאַלט לאַנג, לאַנג. ער וועט גאָרנישט און ער הערט גאָרנישט.

ער האָט פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין.

IX. כאַפּט טשיקען

די געגנטער פאַשיסטן זיינען שטאַרק צעטראַגן. פון ליוואָרנאָ איז אָנגעקומען אַ וויכטיקע טעלעגראַם. מע דאַרף כאַפּן אַ געפערלעכן פּראָוואָקאַטאָר, אַ פלאָרענטינער, און זיך אָפּרעכענען ווי ס'דאַרף צו זיין מיטן קאַפּיטאַן און מיטן עקיפּאַזש פון דער שיף, אויף וועלכער ער איז אַנטלאָפן.

דער שיפער טיסטאָ האָט זיך טאַקע אָנגעשטרונקען און האָט אויסגעפּלוידערט די גאַנצע מאַיסע.

די טעלעגראַם איז געווען אַ קורצע. און די געניטער פּאַשיסטן האָבן ניט געוואוסט, אַז דאָס רעדט זיך פון אַ יאַטל ניט העכער פון אָנדערהאַלבן מעטר.

ניין, זיי האָבן גערעכנט, אַז ס׳וועט זיי אויסקומען צו טון האָבן מיט אַ גוואַר, מיט אַ הערקולעס. דערפאַר האָבן זיי אויס-געקליבן צען געזונטע יאַטן, קרעפּטיקע, פלינקע און שטאַרקע.

דידאָזיקע צען מענטשן האָבן פון גאַנצפרי געוואַרט אַפן אָנ-קומען פונם פּראָוואָקאַטאָר אַפן באָרט פון אַ קאַטער, וואָס איז געשטאַנען אַף אַ מייל פון אַריינגאַנג אין פּאָרט.

זיי זיינען אלע געווען אין באָד-קאָסטיומען. טאָמער מאַכט זיך, אַז דער אַנטלאָפענער וועט זיך לאָזן שווימען. זיי האָבן געוואַרט אין יאָם, ניט אין פּאָרט, ווייל זיי האָבן מוירע געהאַט, אַז ער וועט זיך אויסדרייען פון זייערע הענט, ווי נאָר דער באַרקאַס וועט אריין אין האַפן.

אַפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ זעגל. דער קאַטער האָט זיך אָראָפּגעטומען פון אַנקער און האָט זיך אָוועקגעלאָזן צו אים. די פּאַשיסטן האָבן אין די רעכטע הענט געהאַלטן רעוואָלווערן, אין די לינקע — שטעקנס און האָבן זיך געגרייט גיין אַף אַבאָר-דאַזש. מ׳האָט שוין אויסגעזעען אינגאַנצן דעם גרויסן זעגל, אַ שטיפן, אַ פוגן מיט פרישן צאָפן-מאַירעווידיקן ווינט. אָט זיינען זיי שוין געענטער, מע קען שוין רעדן אין רופּאָר.

— עי, באַרקאַס!

— מיר הערן!

— דיין נאָמען!

— „טערעזאַ“ פון ליוואָרנאָ.

די פּאַשיסטן האָבן זיך איבערגעקוקט.

— פאַראַן פּאַסאַזשירן?

— ניין.

— מיר וועלן אַ קוק טון.

— אַך!

אַפן באַרקאַס האָט מען גענומען אַראָפּלאָזן די װעגלען. אַ פּאָנעם, אַז מ׳האָט פאַרטשאַנען אַף „סערעזאָן“, אַז אַדעקגײן אין יאַם אַרײַן װעט זיך ניט אײַנגעבן. דער קאַטער װאָלט װיכער אָנגעיאָגט דעם באַרקאַס.

אין אַ מינוט אַרום זײַנען בײדע שיפן געשטאַנען אײנע לעבן דער צװײטער. די שיף־האַקנס זײַנען איבערגעװאָרפן געװאָרן פון אײן באָרט אַפן צװײטן, און די פּאַסיסטן זײַנען אַריבערגעשפּרונגען אַף „סערעזאַ“.

— די הענט אַרוף! — האָבן זײ אַ קאָמאַנדעװע געטון, און דער עקיפּאַזש האָט באַלד געפאָלגט.

צו יעדער מאַטראָס, צום קאַפּיטאַן און צום יונגע האָבן זײ צוגעשטעלט אַ פאַשיסט מיט אַן אױפגעהױבענעם רעװאָלװער, און די איבעריקע פאַשיסטן האָבן זיך גענומען פלײַסיק באַזוכן דעם באַרקאַס. נאָר דעם געפערלעכן קאָמוניסט האָבן זײ אינערגעץ ניט געפונען.

װאו קען מען אים זוכן?

אַפן באַק איז יעדער לאָך געװען פאַרװאָרפן מיט קאַנאַטן, װעגלען, שטיקלעך לײַװנט, האַקנס און אינסטרומענטן. אַפן אונטערדעק — דאָס אָרעמע פאַרמעגן פונם עקיפּאַזש. אינמיטן דעם פּאַלוב — פאַרשלאָגענע פעסער.

מ׳האָט אַלצדינג אַרומגעטאַפּט, אַרומגעװוירעמט, נאָר די פעסלעך ניט.

— װאָס איז אין די פעסער?

— קישקעס, — האָט געענטפערט האַרמאַט.

— קישקעס?

— יאָ, אַף מאַכן װאורשט..

ניט קוקנדיק אַף האַרמאַטס פּראָטעסטן, האָבן די פאַשיסטן געװאָלט דורכבױערן אַ לאָך אין אײנעם פון די פעסלעך און אַ קוק טון, װאָס טוט זיך דאָרט.

אַפן קאַפּיטאַן איז אָנגעפאַלן אַ שרעק.

— בעשימפן ניט! וואָס איר ווילט, נאָר ניט דאָס, — האָט ער אָנגעהויבן שרייען. — איר וועט דורכלעכערן די קישקעס, און איך וועל דאַרפן פאַר זיי ענטפערן.

די פאַשיסטן זיינען איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז ווי נאָר דער באַרקאַס וועט אַריין אין פּאָרט, זאָל מען שיקן נאָכן באַלאַבאָס פון די קישקעס און פאַר אים אין די אויגן עפענען די פעסער.

נאָר דאָ איז די פאַשיסטן אַרויף אַ נייער געדאַנק:

— און דידאַזיקע מענטשן דינען אַלע אויף „סטרעזע"? — האָט געפרעגט דער עלטסטער פונעם אָפּטייל.

— וואָדען איז דאָס — פּאַסאַזשירן?

— אַפּאָנעם, איר זייט ניט קיין געניטער. אַז איר דערקענט ניט פון אַ יאַם-מאַן ביז אַ יאַבאָשע-שטשור?

נאָר ס'האָט גאָרניט ניט געהאָלפן. די פאַשיסטן האָבן איבערגעגראָבן אַלע דאָקומענטן, וואָס זיינען געווען אויף דער שיף.

— און וואו-זשע האָט איר אַהינגעטון דעם פּאַסאַזשיר? — האָט זיך געבייזערט דער עלטסטער פונעם אָפּטייל.

— וואָס פאַר אַ פּאַסאַזשיר, דער רוח זאָל דאָס בזמען? שוין אַ שאָ, אַז איר דולט מיר דעם קאָפּ מיט אייער פּאַסאַזשיר.

— נו, שטילער אַביסל, האַלט דעם צונג!

— אין ליוואָרנאָ האָט איר אַרופגענומען אויפן באַרקאַס אַ פּלאַ-רענטינער, וואָס האָט אָנגעשלאָגן אַ פאַשיסט אויך אַ פלאָרענ-טינער, וועלכער איז צופעליק געווען אין ליוואָרנאָ.

באַ די ווערטער האָט האַרמאַס, די מאַטראָסן און דער יונג זיך גענומען קאַטשען פאַר געלעכטער. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די זייטן אַזוי נאַטירלעך, אַז די פאַשיסטן האָבן אָנגע-הויבן גלויבן.

— וואָס איז דאָ דאָ וואָס צו לאַכן? — האָט מיט קאַס אַ זאָג געטון איינער פון זיי.

— איר ווייסט דאָך ניט, וואָס איר רעדט — האָט האַרמאַס געזאָגט. — דער, וואָס איר זוכט אים, איז דאָך אַ אינגעלע, אַזאַ קליינס.

— וואָס פאַר אַ אינגל? ס'איז אַ דערוואַקסענער מענטש!

— אַ מענטש! וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש, — האָט אַ געשריי געטאָן הארמאַט און האָט פאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אַף זיין קאַמאַנדע. — מיר האָבן אין ערגעץ ניט געזען קיין מענטשן!

— הייסט דאָס, אַז עמעצן האָט איר יאָ געזען.

— נו, יאָ, דעם טאָג, וואָס מיר זיינען אָפּגעשוואומען, אַזייגער פינף, האָט זיך פאַרקליבן אַפן באַרקאַס אַ פלאָרענטינער אינגעלע, אַט אַזאַ קליינס, פון אַ יאָר דרייצן צי עפּעס נאָך ווינציקער. ער האָט געציטערט פון קעלט, איז געווען איינגענעצט נאַס. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך צעפּאַטשט מיט עפּעס אַ אינגל אַ פּאַשיסט, און ער האָט זיך מורא, אַז די פאַשיסטן זאָלן אים ניט כאַפּן, ווייל דעמאָלט פאַרשפּאַרט ער לעבן אַף דער וועלט. און ער האָט געבעטן מיר זאָלן אים מיטנעמען מיט זיך. יאָ, איך דערמאָן זיך, דאָס אינגל איז צוגעפאָרן צו „טערעזע" אַפן שלופּ פונם שיפער סיסטאַ. דעם עמעס זאָגנדיק, האָט זיך מיר פריער געוואָלט ראַטעווען דאָס אינגעלע, כ'האָב אַף אים זייער ראַכמאָנעס געהאַט. נאָר דערנאָך, פאַרשטייט איר מיך, האָב איך זיך מורא געהאַט. מאַלע וואָס ס'טרעפט זיך! ערשטנס, איז דער באַרקאַס ניט מיינער. און ווידער איז בא מיר אינדערהיים צוויי קינדערלעך אָט אַזוינע פּיצלעך... מיט איין וואָרט, ווי נאָר דאָס אינגל האָט זיך אויס־געטריקנט, האָב איך אים אַראָפּגעלאָזן אַפן ברעג. ער האָט געטרעוועט. אוי, האָט ער געטרעוועט! ס'האָט געקענט רירן אַפילע אַ שטיין. כ'האָב געזען, ווי ער האָט אַ יאָג געטאָן צו אַ ליידיקן באַן, וואָס איז געשטאַנען אַפן וועג, און דאָרט איז ער פאַרפאַלן געוואָרן.

די פאַשיסטן האָבן געהערט און האָבן זיך איבערגעקוקט. הארמאַט האָט גערעדט אופריכטיק, נאָר זיי האָבן נאָך ניט געגלויבט.

— מיר וועלן שוין זען אין פאָרט. — האָט אַ געשריי געטאָן דער עלטסטער פון אָפּצייל, און ער האָט געהייסן, אַז האַלב פאַשיסטן זאָלן זיך אומקערן אַפן קאַטער, און האַלב זאָלן בלייבן אַפן באַרקאַס.

— און טאָמער איז ער נאָר אריינגעשפרונגען אין וואַסער און באהאלט זיך הינטערן קיל פון בארקאַס אָדער פונעם קאטער! — איז ארײן אין קאָפּ איינעם פון די פּאַשיטשן.

— נו, ווער איז פון אייך דער בעסטער שווימער?

— פיר גוטע שווימער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין וואסער און באטראכט פון אלע זייטן דעם קאטער און דעם בארקאַס.

— דאָ איז קיינער נישטאָ.

ביידע שיפן האָבן זיך געלאָזן גיין אין האַפן. אז „סערעזשע" האָט מען צוגעשוואַרטעוועט צום ברעג, איז איינער פון די פּאַשיטשן אַוועקגעלאָפן נאָכן באַלעבאָס פון די פיסער, דער צווייטער איז אַוועקגעגאַן טעלעגראפירן קיין ליוואָרנאָ, און די איבעריקע זיינען געבליבן וואַרטן אַפן בארקאַס.

די פיסער האט מען געפונט און מע האָט און זיי געפינען נאָר קישקעס אין ראָפּע.

פון ליוואָרנאָ האָט מען באַקומען טעלעגראמעס און ס'איז קלאָר געווארן, אַז ס'רעדט זיך טאקע וועגן א אינגל מיטן נאָמען טשיקאָ. הארבאטן מיט זיין גאנצער קאמאנדע האָט מען גע-לאָזן צו רו.

הארבאט האָט אָפּגעכאפּט דעם אָטעם. פּוּ!! כ'האָב שוין קיין קויעך ניט. נאָר טשיקאָ, ווי אַזוי דערוויסט מען זיך, צי האָט ער זיך דערשלאָגן צום ברעג!

X. טשיקא אין גענוע

אַ פּאַרשטויבטער, באַרוועס אינגל איז געשטאנען אפן ראג פון וויאַ-קאַרינאָ און האָט ניט געוואוסט, וואָס פאר א וועג זאָל ער אויסקלייבן. מיטאמאָל האָט ער דערזעען עפּעס א באַנער פון אַ יאָר צוואַנציק. אַ הויכן, מיט לאַנגע פיס, אַ דארן, אינגאנצן אין שווארצן. דאָס פּאָנעם א מאָנטעס. ווי פון בראָנזע, אָפּגעגאָלט, מיט אן אָדלערשער נאָז און מיט גרויסע לעבעדיקע אויגן און מיט

אַ שמייכל אַף די דינע ליפּן. ס'האָט זיך געפּילט אין אים אַ יאַט-מאַן.

— איך קען אים דאָך, — האָט דאָס באַרוועס אינגל אַ טראַכט געטון. — יאָ, דאָס איז ער. נאָר סיידן ער איז יונגער געוואָרן, אָדער דאָס איז זיין זון.

דערווייל איז דער באָכער צוגעגאַנגען צום בריק.

— ניין, דאָס קען ניט זיין ער, צו יונג איז ער. נו, באַלד וועלן מיר דאָס קלאָר מאַכן, — האָט באַשלאָסן דאָס אינגל און איז צוגעגאַנגען צום באָכער.

— זייט אַזוי גוט.

יענער האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַרכידעשט אַ קוק געטון אַפן אינגל.

— אַ?

— זייט אַזוי גוט. איר זייט זיין פאָטער, אָדער זיין זון?

דער באָכער האָט זיך פריער פאַרכידעשט און דערנאָך האָט ער זיך צעלאַכט.

— וואָס ווילסטו זאָגן, יאַטל? זיין פאָטער, זיין זון — און ער ווער איז?

דאָס אינגל האָט זיך אויך צעלאַכט.

— נו, יאָ, גערעכט. נאָר איצט זע איך שוין, אַז איר זיינט איר. איך זיינט ניט ער. נאָר איר זיינט אויך אַ פלאָרענטינער? אַזוי ווי אייער פאָטער?

— קאַם אויסגערעדט. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין מיין פאָטערס זון, און מיין פאָטער איז אַ פלאָרענטינער אַזוי ווי איך, אַזוי ווי דו, אויב איך זאָג קיין ליגן נישט.

— יאָ, איך בין פון סאַן-פרעדיאַנאָ.

— און איך בין פון ק ר אָ ט ש ע *).

— מע רופט איך סעניאָר ג אַ ל ע ט י, אויב איך זאָג קיין ליגן ניט.

---

*) אַרבעטער-קוואַרטאַל אין פלאָרענציע.

— טעטע, דו װאָגסט ניט קיין ליגן. און דו ביסט װער?

דאָס אינגל האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. די נאַט אין געװען פֿאַרגאָסן מיט טענטשן, א שטראָם מיט עקיפּאַזשן, אַוטאָס און טראַמוואַיען איז געפֿלאָסן איבערן בריק.

— עפּשטער װעלן מיר אָפּגיין אַהין אונטער די ביימער, װאו ס׳איז װיניקער אױלעט, — האָט ער געזאָגט.

— װאָס זאָגסטו אַף אים? נו, גוט, לאָמיר אָפּגיין, — האָט געענטפֿערט דער באָכער און האָט גענומען שפּאַנען אַף זיינע שטאָלצעט.

— נו, דאָ איז קיינער ניטאָ, — האָט ער געזאָגט זיך צוזעצנדיק אונטער א פּלאטאן, דערציילט.

— מיט א״ך קען איך, טינעסטאַט, רעדן אָפֿן. װי איך װאָלט גערעדט מיט אייער פֿאָטער.

— נו, איז רעד, — האָט אַ געשריי געטון דער באָכער. ס׳האָט בא אים אָנגעהויבן פּלאצן די גאַל — װער ביסטו און װאָס דאַרפֿסטו?

— איך בין טשיקא פֿון סאן-פּרעדיאַנא.

— טשיקא?

דאָס אינגל האָט דערזעצן, אַז יענעם איז פֿרעמד דער נאָמען. האָט ער זיך פֿאַרכידעשט און האָט אַ געשריי געטון.

— װאָס הייסט? איר זייט אַ פֿלאָרענטינער און טינעסטאַט אַ קאָמוניסט אַזוי װי אייער פֿאָטער, און איר קענט מיך ניט? איך בין דאָך טשיקא, דער באָלשעװיק!

דער באָכער האָט ראַכמאָנעס געקריגן אָפֿן יאָטל און ער האָט אים באַרואיקט.

— אָך טשיקא, טשיקא, — אָ, פֿארשטייט זיך, איך דערמאָן זיך שוין. װאָדען, װאָדען, װער האָט דען ניט געהערט פֿון דיר! נאָר פֿאַרשטייסט, אָכצן כאָדאָשים אָפֿן יאָם, געזאָלצענע װאַסער און גאַלעטן.

— װאָס, איר זייט אַ יאַם-מאַן?

— יאָ.

— אַ פֿלאָרענטינער, און אַ קאָמוניסט, און א יאָם-מאַן!

דאָס אינגל האָט אַ קוק געטון אויף מיר באַכער מיט באַווּנדערונג.

— אַ פלאַרענצינער! אַ קאָמוניסט! און אַ יאַט-מאַן!

— יאָ, ברודער, וואָס איז דען?

— וואָס איז דען? אַט וואָס!

טשיקאַ האָט אין איין אָטעם אים דערציילט, פאַרוואָס ער האָט זיך אָװעקגעלאָזן אין וועג. און וואָס ס'האָט זיך מיט אים געטראָפן.

— אַז איך בין געקומען צו זיך, — האָט ער געענדיקט, — איז שוין געווען פינצטער און איך בין געלעגן אויף מיין שטרויזאַק. דער שטרויזאַק איז געווען נאַס און איך נאָך נאַסער. דער שטורעם האָט נאָך געבושעוועט און דער קאָפּ האָט מיר שרעקלעך וויי געטון. פינדעסטוועגן האָב איך באַשלאָסן זיך אומקערן העלפן די מאַטראָסן. איך האָב ווי ס'ניט איז צוגעפּויזעט צו דער טיר, נאָר זי איז געווען פאַרשלאָסן. איך האָב געקלאַפּט, געקלאַפּט, נאָר ווער, וואָס! דערנאָך ווייס איך ניט. אַפּאָנעם, איך בין אַנשלאָפן געוואָרן, און אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען ליכטיק, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט. איך בין ארויס אויפן פּאַלובע. די זון האָט געבאַקט, די זעגלען זיינען געווען אָנגעצויגן. נאָר די כוואַלעס זיינען נאָך געווען אַזוי ווי בערג, און „טערעזאַ" איז געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ.

— אָ, טשיקאַ! — האָט מיך באַגעגנט די קאָמאַנדע. אַלע האָבן מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן, וואָס מאַך איך און צי בין איך געקומען צו זיך? איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב זיך שטאַרק אויסגעהונגערט, און זיי האָבן זיך גענומען לאַכן. דער קאַפּיטאַן האַרמאַט האָט געזאָגט, אַז אַזוינע שטורעמס האָט ער געזען אויף זיין לעבן עפּשער הונדערט. דערנאָך האָבן מיר אָפּגעגעסן. אַלע זיינען געווען הונגעריק ווי די וועלף. די כוואַלעס זיינען געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. אינאָוונט האָט מיר דער קאַפּיטאַן געזאָגט:

— הער, טשיקאַ, מאָרגן פאַרטאָג קומען מיר אָן אין גענוא. דיך וועט מען, מינעסטאָס, דאָרט זוכן.

— ס', קען איך דאָרט אַראָפּשפּרינגען אין וואַסער, און אַרויסשווימען ערגעץ אין אַ זייט.

— אַ גוטע קאָפּ! — האָט זיך צעלאַכט האַרמאַס, — אַז מע וועט זיך שוין נעמען דיך זוכן, וועסטו ניט באַוויזן אַ כאַפּ טאָן צוויי מאָל מיט דער האַנט, וועלן זיי דיך באַלד דערזען.

— וואָס־זשע טוט מען? — האָב איך געפרעגט.

— אָט וועלן מיר אַ ט־אַכט טאָן, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן. — דו שווימסט גוט?

— אָ־אָ! אַזוי ווי אַ פיש, — האָב איך געזאָגט.

— דאָ וועט דיר נאָך זיין גרינגער שווימען, ווי אין אַרנאָ, ווייל אין יאַם איז די וואַסער געזאַלצן, זי איז געדיכטער און ס'איז גרינגער זיך האַלטן אויף איר. וויפל צייט קענסטו זיך האַלטן אויפן וואַסער? — האָט ער מיך געפרעגט.

— איך האָב געענטפערט, אַז ס'פלעג מיר אויסקומען שווימען אַ שאָ צוויי און אַמאָל מערער. — נו אויב אַזוי איז גוט, - האָט ער געזאָגט. — איך וועל צוגיין צום ברעג נאָך פאַרן פאַרט, און דו וועסט אַראָפּשפּרינגען אין יאַם. דאָרט וועט דיר העלפן דער שטראָם. איך קען גוט די ערטער. און פאַר אַ האַלבער שאָ וועסטו זיין אויף דער יאַבאַשע. — רעכט, האָב איך געזאָגט. איר — זאָלט נאָר זאָגן ווען איך דאַרף שפּרינגען. — פאַרשטייט זיך, — האָט ער געענטפערט. — מע דאַרף דיר נאָך דערקלערן דעם וועג. זאָלסט צונויפבינדן דיינע זאַכן אין אַ קלימעק און זאָלסט שווימען אַ הוילער. די פּאָליציי וועט מיינען, אַז דו האָסט זיך געבאָדן. דערנאָך זאָלסטו אַרויסקריכן און זיך אָפּטריקענען אויף דער זון. די זאַכן זאָלסטו אויך אויסטריקענען. דערנאָך זאָלסטו זיך אָנטאָן און אַוועקגיין, ווי ניט דיך מיינט מען. די גאַנצע צייט זאָלסטו זיך האַלטן אויף מאַירעוו־זייט. פאַרבלאָנדזשען זיך קען מען ניט. צווישן דעם יאַם און די בערג איז איין וועג, אַ גלייכער וועג קיין גענוא. אין גענוא זאָלסטו ניט געפינען. און דערהויפּט זאָלסטו מיט קיינעם ניט פּלוידערן. זאָלסט פרעגן בײַ די יאַם־לייט. אויף זיי קען מען זיך פאַרלאָזן. זאָלסט בײַ זיי פרעגן, וואו איז דער פאַריין. דאָרט זאָלסטו געפינען דעם קאַפּיטאַן ליבערטי און זאָלסט אים זאָגן, אַז ס'האָבן דיך געשיקט צו אים אַריסטיד און

איך. מיט אים מעגסטו רעדן אָפן. און אַז איך וועל זיך אָפּפאַר־טיקן מיט מיינע געשעפטן, וועל איך אויך קומען אין פּאַריז און זיך אויך צונויפרעדן מיט ליבּרעטי, און ס'וועט שוין זיין רעכט. נו, איצט זע נאָר — שווימען ווי אַ פיש, שטומען ווי א פיש, טראַכטן ווי אַ מענטש. ס'ארא דימענט אַ מענטש דער הארמאט איז!

— אָ, הארמאטן קען איך שוין לאַנג.—האָט אַ געשריי געטון דער באָכער, — נו, דער־צייל ווייטער.

— גוט,—האָט געזאָגט טשיקא.—גאַנצפרי זיינען מיר צוגעגאַן נאָענט צום ברעג, אין דער קאַפּיטאַן הארמאט האָט מיר גע אָגט:

— נו, יאַטל, שוין דיר צייט זיך באָדן. דיין זעקל און די שיך וועסטו באַקומען באַם קאַפּיטאַן ליבּרעטי. איך בין אַראָפּגע־שפרונגען אין וואַסער און בין געשוואומען און געשוואומען, און אַרויס אַפן ברעג. „טערעזא" איז שוין געווען ווייט, ווייט, דערגאָך— די פיס אַף די פּלייצעס! ס'זיינען מיר זייער געפעלן געוואָרן די היגע ערטער. בערג, יאַם און אזוינע גערטנער און זומער־וואוי־נונגען! ס'לעבט זיך דאָ גוט די היגע בירזשויען. איך האָב זיך אויסגעשלאָפן עפעס הינטער אַ פּאַרקן, און היינט פארטאָג בין איך אָנגעקומען קיין גענוא. אוי, וויפל הייזער, פּאַלאַצן, אויטאָ־מאָבּילן! נאָר איך האָב ניט געוואוסט, ווי גייט מען אין פּאַריז, און איך האָב ניט געוואוסט באַ וועמען צו פרעגן.

— נו, מירן דיר שוין ווייזן. פריער פון אַלץ לאָמיר גיין צו ־יר אַהיים. וועסט אָפעסן, זיך אַרומוואַשן, אַרומדרייניקן און זיך אָפּרוען. דערווייל וועל איך צוגיין צום פּאריין און וועל איבער־רעדן מיט ליבּרעטי. ער איז מיינער אַ גוטער ברודער.

— נו?

— ניט נו, נאָך נו! מיר וועלן שוין זען דיך באַוואָרענען, צו מיטאָג וועלן מיר זיך זען. אויב ס'וועלן זיין גוטע ניַעס, וועלן מיר זיך דורכגיין, באַקוקן גענוא.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, -- האָט טשיקא מיט היץ אויסגעשריגן.— נאָך איך וויל אייך ניט מאַטריען זיין. און איך בין דאָך אַזאַ שמוציקער.

— מאַך זיך ניט נאַריש, יאסל, דאָס איז אַ קלייניקייט.

אַז זיי זיינען געקומען צום באָכער אַהיים, האָט בעפע — אַזוי האָט מען גערופן דעם באָכער — איינקורצן דערציילט זיין מוטער וועגן טשיקען. טשיקען האָט ער געלאָזן דאָ, און אַליין איז ער באַלד אַוועקגעגאַן. אַז טשיקא האָט זיך אָנגעטרונקען מיט קאַווע איז ער אַריין אין אַ קליין צימערל, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ ווייסע וואַנע, אַ פולע מיט וואַרעמער וואַסער. ער האָט זיך דאָס צעאַרבעט אַביסל מיט דער זייף און מיטן בערשטל. קיינמאָל אין לעבן האָט ער אַזוי ניט געאַרבעט. ער האָט זיך געריבן, געקריבן און האָט געטראַכט:

— אָבער ס׳אַרא וואוילע זאַך דאָס איז, זיך אויסוואַשן אַף ריין.

אין דריי טעג ארום האָט פלוטאָ, וואָס איז שוין געווען שטאַרק אומרואיק, געריבן די הענט פון נאַכעס, לייענענדיק אַ בריוו פון טשיקען:

„טייערער פלוטאָ, איך בין געקומען צו פאָרן קיין גענוא אָן ברעכן. מיר איז אַף „טע־עזע“ געווען שטאַ־ק פריילעך, און זי איז גאָרניט דערטרונקען געוואָרן, כאָטש די כוואַליעס זיינען געווען גרויסע אזוי ווי שטיבער. און דער קאַפיטאַן ליב־עטי וועט מיך ארויפזעצן אַף אַ דאַמפשיף, וואָס גייט אין שווארצן יאַם. און די פאַשיסטן האָבן געוואַ־ט אַף מיר, וואָרעם אין ליוואָרנא האָב איך געגערעקט שלאָגן און אין גענוא האָבן זיי געוואַ־ט אַף מיר, נאָר איך האָב אַנטלאָפן. און דערפאר פאַ־ איך טאָרגן אַז קיינער זאָל ניט וויסן. איך קוש און איך האַלט אייך אַלע־מען און ווערען. טשיקאַ“.

„אַז איר זאָלט זען ס׳אַראַ גרויסע און שיינע דאַמפשיף, אַף וועלכער איך פאָר אַוועק און זי רופט זיך „צעזאַר“. זייט געזונט און איך קוש“.

טשיקאַ“.

IX. דער ציל איז גאָענט

איידער בעפּע האָט איבערגעגעבן טשיקען צום מאשיניסט פון דער שיף „צעזאַר“, צו טאָמאזאָ, האָט ער אזוי געזאגט צום איינגל:

— ווערסט זיך מוזן דורכגאנווענען אף דער שיף שטילערהייט און דורכמאכן די רייזע קאָנטראבאנדיש.

— פאַרוואָס? — האָט געפּרעגט דאָס איינגל.

— ווייל פון זינט ס'באלעבאַטעווען בא אונז איטעלונם די פאשיסטן, איז די גאנצע אַרבעט, וואָס מיר, קאָמוניסטן, פירן אין פאריין, פירן מיר זי בעסאָד. שוין אַזעק די צייט, ווען מיר האבן געקענט ארויסרייסן בא די ווייסע פון די הענט די רוסישע שיפן, וואָס זיי פלעגן פירן קיין איינגלאנד צו פארקויפן, אין מיר פלעגן אופהייבן אף זיי פאָנען מיט אַ סערפּ און מיט אַ האמער, און מיר האָבן גערעכנט, אַז ס'וועט קומען די צייט, וועלן מיר זיי אומקערן דער ראטן-רעפּובליק.

נאָך אין יענעם אָוונט האָט מען טשיקען שטילערהייט ארי־בערגעפירט אף דער שיף, און ס'האָט זיך פאר אים אָנגעהויבן אַ שווערע רייזע אינעם פינצטערן בויך פונעם שטאָלענעם ריז.

אַ צווייי, דריי מענטשן פון דער קאָמאנדע, וואָס האָבן גע־וואוסט פון אים, פלעגן אָפטמאָל ארייננקוקן אין טרום, אים זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער און ברייננגען אהערליי גוטע זאכן, נאָר דאָס איז געווען פאר אים אַ קליינע, וייער אַ קליינע טרייסט.

טשיקא איז געזעסן אין טרום און האָט ניט געזעען ניט די וואונדערלעכע ברעגן פון איטאליע, ניט דעם עגייאישן יאם, וואָס איז באַזיים מיט אינזלען, ניט דעם שיינעם פּירייי, ניט די קישעפדיקע פּאַנאָראמע פון קאָנסטאנטינאָפּאָל. אַן אייביקייט, אַ גאנצע אייביקייט איז אָפּגעזעסן דאָס איינגל אינעם שווארצן בויך פון דער שיף, און ערשט אפן פערצנטן טאָג האָט טאָמאזאָ אים שטילערהייט געזאָגט:

— ס'איז אָפּגעגאַן בעשאָלעם. די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אײנגלי־שע פּאָליציע איז שוין געווען אַף דער שיף, דיך האָט מען ניט געפונען, און מאָרגן וועלן מיר שוין זיין אפן אָרט אין קאָנסטאַנץ.

— אין רוסלאַנד?

— ניין. קאָנסטאַנץ — דאָס איז אַ רומענישער פּאָרט אָפן שווארצן יאַם.

— וואָס הייסט! איר וועט מיך ארויסזעצן אין רומעניע?

— ניין. וואָס האָסטו מורע? איך וועל דיך שיין באַזאָרג־עגען. בעפּע און ליבּרעטי האָבן מיר געגעבן געלט אַף דעם. אָט די מאַטבייע פאַרניי צו זיך אין גארטל, נאָר ווי ס'דאַרף צו זיין! דאָס איז פינף רוסישע רובּל גאָלד. זיי וועלן דיר זייער און זייער צונוץ קומען... נו — און איך דאַרף שוין גיין...

ס'איז דורכגעגאַנגען צוויי לאַנגע טעג, און טאָמאַזאָ איז געקומען צו טשיקאָן מיט גוטע ידיעות.

— נו, יאַטל, איך האָב געפונען אַ טערקישע פעלוגע, וואָס גייט קיין סעוואַסטאָפּאָל.

— קיין רוסלאנד?

— קיין רוסלאַנד.

טשיקא האָט אָנגעהויבן שיינען פון שימכע.

נו?

— מיט דער פעלוגע פאָרט אַ גריך, וואָס רעדט אַביסל אי־טאַליעניש. היינט באַנאַכט וועל איך דיך אַראָפּלאָזן אַף אַ שיפל, און דאָס שיפל וועט דיך צושטעלן אַף דער פעלוגע.

— אויסגעצייכנט! אַדאַנק, טאָמאַזאָ!

אין דערזעלבער נאַכט האָט צוזאַמען מיטן שווארצן סילועט פונעם מאַשיניסט זיך ארויסגעגאַנוועט פון טרום דער שווארצער סילועט פונעם אינגל. ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט מיט דער שטריק, ווי אַ קאַץ, שטילערהייט זיך געזעגנט מיט טאָמאַזאָ און איז פאַר־שוואונדן געוואָרן אונטערן באָרט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין טשיקאַ געווען אַף דער פעלוגע — אַ זעגלשיף, וואָס איז געווען אַביסעלע גרעסער פון „טערעזע“.

דער גריך, וואָס האָט אים איבערגעפירט אַף דער פעלוגע, האָט אים אַ ווינק געטון, ווי איינער זאָגט: „קריך אין ווינקל אַרײַן". טשיקאַ האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער דעק, און יענער האָט אים צוגעדעקט מיט אַ זאַק. דאָס אינגל איז געווען אַזוי צעדו-דערט, אַז ער האָט לאַנג ניט געקענט אַנשלאָפן ווערן. פונדעסט-וועגן האָט אים דאָס געמאַסטענע וויגן פון דער פעלוגע פאַרט פאַרשלעפערט.

אַז ער האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן אַרום זיך.

זעקס יאַם-לײַט—אַלע קלײנוואוקסיקע, יאָדערדיקע, ברוינע מענטשן—האָבן געאַרבעט אַף דער פעלוגע. קימאַט בײַ אַלעמען זײַנען די פּענעמער געווען געשטופּלט. אַלע האָבן געטראָגן קאָ-לירטע, אויסגעבלײַכטע היטעלעך אַף די קעפּ. צווישן זיי האָט טשי-קאַ דערקענט זײַן אַלטן באַקאַנטן, דעם גריך. ער האָט אים אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, האט אים באַגריסט, נאָר יענער האָט אים ניט גענטפערט.

די פעלוגע האָט זיך אַראָפּגענומען פון אַנקער, האָט צעלאָזט די זעגלען און איז אַרויס אין יאַם. דער יאַם האָט געגלאַנצט, די וואַסער איז געווען בלוי און דורכזיכטיק, ווי גלאָז.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ יאַם? — האָט טשיקאַ געפרעגט בײַם גריך, ווען יענער האָט זיך באַפרײַט.

— דער שוואַרצער יאַם.

— פאַרוואָס-זשע איז ער אַ שוואַרצער, אַז ער איז גאָר אַ בלויער! בײַ אונז אין איטאַליע איז דער יאַם שטענדיק אַזאַ. אריב אַזוי, איז דער ווײַסער יאַם גאָר ניט קיין ווײַסער, נאָר אַ בלויער.

דער גריך האָט אַ שמייכל געטון.

— פאַרשטייט זיך.

— און איך האָב גערעכנט, אַז דער שוואַרצער יאַם איז אַזוי ווי טינט. נו, גוט, און ווער זײַנען אָט די מענטשן?

— טערקן.

טשיקאַ האָט זיי באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און האָט בײַ זיך באַשלאָסן, אַז ס'איז גאָר ניט אַזאַ כּילעק צווישן טערקן און אַנדערע מענטשן.

צו מיטאָג האָט טשיקאַ געגעסן צוזאַמען מיט דער קאָמאַנדע ברויט מיט געקאָכטע פֿיש מיט ציבעלעס און פֿאַרביסן מיט דיניע און מיט קאַווען. יאָ, די לענדער פֿון דער וועלט זײַנען שרעקלעך ענלעך איינס אויפֿן אַנדערן. סײַ דו שווימסט אויף אַ פֿעלוגע, סײַ אויף אַ באַרקאַס מיט איטאַליענער אָדער מיט טערקן,—דער אונטערשייד איז נאָר אין דער שפּראַך.

מ'האָט אינטערגעגעקט ניט געזען קיין ערד, ניט קיין אינזעלע, ניט קיין זעגל, ניט קיין רויך פֿון אַ שיף-קוימען. נאָר יאַם און יאַם, אַ לאַזור-בלויער, אַ רואיקער, אַ גלאַטער, ווי פּוטער.

אויפֿן פֿינפֿטן טאָג פֿאַרנאַכט האָט טשיקא דערזעען, ווי דער גריך און דער קאַפּיטאַן פֿון דער פֿעלוגע קריגן זיך שטאַרק. דערנאָך איז דער גריך צוגעגאַנגען צום אינגל און האָט אים געזאָגט:

— די גאַנצע קאָמאַנדע האָט זיך מוירע דיך אַרויסזעצן אין סטאַמבאָל,—דו האָסט דאָך ניט קיין איינלאָז-פּאַס.

טשיקאַ איז געוואָרן איבערגעשראָקן:

— איר האָט דאָך צוגעזאָגט טאַמאַזאַן, אַז איר וועט מיך צושטעלן קיין סטאַמבאָל! איר האָט, הייסט עס, צוגענומען די געלט — און פֿאַטער? שווינדלער, אָפּנאַרער!

דער גריך האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען און האָט געזאָגט:

— מיר וועלן דיך אַרויסזעצן, מירן דיך אַרויסזעצן, האָב ניט מוירע.

— איר זאָגט אויף אַן עמעס?

יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ווען?

— מאָרגן באַנאַכט וועלן מיר צוגיין צו יעווּפּאַטאָריע. שווימען קענסטו?

— אַזוי ווי אַ פֿיש.

— װעסטו אַװעקשװימען צום ברעג, און מיר װעלן אַװעקגײן װײַטער צו סעװאַסטאָפּאָל.

— — יעװפּאַטאָריע איז אין רוסלאַנד? — האָט טשיקאַ װײַטער געפֿרעגט.

— אין רוסלאַנד. פֿאַרשטײט זיך. װאָס דען זאָל זי זײַן? — האָט יענער אַ זאָג געטאָן.

ס׳איז נאָך געװען באַנאַכט, װען טשיקאַ האָט זיך געדאַרפֿט לאָזן שװימען. ער האָט זיך אױסגעטאָן, צונױפֿגעלײגט זײַנע שיך און זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אין אַ זעקל, אױפֿגעװאָרפֿן אױף דער פּלײצע, צוגעשפּיליעט און אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער פֿעלוגע. דאָס װאַסער איז געװען קאַלט. ער האָט באַלד דערפֿילט, אַז אײן רימענדל פֿונם זעקל האָט זיך אים אײַנגעשניטן אין האַלז און האָט אים גענומען װאַרגן. ער האָט אַ שטאַרקן דרײ געטאָן דעם אַקסל, דאָס זעקל האָט זיך אַװעקגעלײגט באַקװעמער, און טשיקאַ האָט שױן מער ניט געפֿילט זײַן װאָג. ער האָט אַ קוק געטאָן אױף דער פֿעלוגע, האָט זיך דערװײַטערט אונטער אַלע זעגלען, און איז אַװעקגעשװאומען צום ברעג. רעכטס, װײַט-װײַט, האָט מען אױסגעזען ניט קײן הױכע בערג. שװאַרצע אױפֿן גרױען פֿאָן פֿון הימל. װײַסע שפּיצן האָבן אָנגעהױבן ברענען אין פֿאַרטאָגעדיקן פֿײַער. פֿאָרױס איז עפּעס געװען נעפּלדיק און ניט קלאָר. דאָס איז געװען דער ברעג, אַ נידעריקער און אַ פֿליטשקער. טשיקאַ האָט אױפֿגעהערט שװימען קלאַפּטער, און האָט גענומען צעשנײַדן די װאַסער מיט צונױפֿגעלײגטע דלאָניעס. ניט אױפֿהײבנדיק די הענט פֿון דער װאַסער. קלאַפּטער שװימען איז דאַװקע גיכער, נאָר דערפֿאַר מידט מען זיך שטאַרקער אײַן.

דערװײַל האָט טשיקאַ באַמערקט צװײ ניט קײן אײַנגענעמע זאַכן. ערשטנס, האָט דער יאַם געשװיבלט מיט מעדוזעס, און צװײטנס, איז זײַן זעקל עפּעס געװען צו גרינג. טשיקאַ האָט זיך איבערגעקערט אױף אַ זײַט און, אַרבעטנדיק מיט אײן האַנט, האָט ער אַראָפּגענומען דאָס זעקל. ס׳האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז ס׳איז לײדיק.

— ס'איז פון אים אַלצדינג ארויסגעפאַלן, ווען איך האָב אַ שפרונג געטון אין וואַסער און איך האָב אים אַ טרייסל געטון, אַז דער רימען זאָל מיך נים שטיקן. איי-איי-איי! די שיך דאָס אָנטון, און דאָס וועש, און די הויזן מים דער גאָלדענער פּאַפּבייע! — טשיקאַ האָט זיך גענומען צופּ הארצן — נו, טשיקאַ, איצט ביסטו הויל, ווי אַ וואָרעם.

דאָס איינגל האָט זיך פאַרטראַכט: וואס וועט ער טון אפן ברעג? ס'איז אים אַפילע אין קאָפּ נים אריין, ער זאָל זיך אומקערן זוכן זיינע זאַכן. ער האָט נים געטאָרט פאַרלירן אומזיסט קיין איין באוועגונג נים, קיין איין מאָך מים דער האַנט.

— נו, וועל איך כאָטש האָבן אַ זאַק! נים קיין שלעכטן ארויסזען וועל איך האָבן.

פלוצלינג האָט טשיקאַ אַ געשריי געטון. ער האָט אָנגערירט מים דער פוס אַ מעדוזע, און זי האָט אים אָפּגעברים ווי קראָפּיווע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרק-יאָר? — האָט זיך געוודלט דאָס איינגל.—ויצט אייביק אין וואַסער, און אינעווייניק איז באַ איר פייער.

די זון איז אופגעגאַנגען. דער ברעג איז געוואָרן נעענטער.

טשיקאַ איז געשוואומען און געשוואומען. ער האָט געפילט, אַז דאָ איז שווערער זיך האַלטן אַפן וואַסער, ווי אין מיטלענדישן יאַם. אין מיטלענדישן יאַם איז אַסאַך מער זאלץ, די וואַסער איז געדיכטער, און ס'איז אַסאַך גרינגער צו שווימען. טשיקאַ האָט אָנגעהויבן זיך איינמידן. ס'האָט זיך באוויזן דער ברעג, אַ שמאָלער זאַמדיקער פּאַס צווישן דעם יאַם און די הייזער. וואָס ווייטער ער איז געשוואומען, אַלץ העכער האָבן זיך אופגעהויבן די הייזער און די ביימער, אַלץ קלאָרער האָט מען ארויסגעזען דעם אויסגעבויגענעם ברעג און דעם ווייסן קאַנט שוים לעבן אים.

— שטאַרק זיך, האַלט זיך, טשיקאַ! שוין נים ווייט.

נאָר ער האָט זיך שוין איינגעגאַנצן ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס. אָט האָט אים איינגעצויגן אַ פוס, דערנאָך אַ האַנט. נאָך עטלעכע שווים...

— זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ דערטרונקענעם באַצייטנס, צי וואָס?—האָט טשיקאַ אַ כראַכט געטון און האָט זיך אוועקגעלייגט אַפּן רוקן. נאָר דאָס וואַסער האָט אים נים געהאַלטן. מע האָט גע-מוזט אַרבעטן מיט די פיס, און די פיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט די-נען. טשיקאַ האָט זיך דערשראָקן נים אַף קאַטאַוועס. דערטרונקען ווערן באַם סאַמע ברעג! באַם ברעג פון רוסלאַנד! ער האָט זיך נאָכאַמאָל איבערגעקערט אַפּן בויך. אַ קאַלטער שוידער איז אים איבערגעגאַנגען איבערן גאַנצן לייב. ער האָט זיך אָנגענומען מיט די לעצטע קויכעס, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטן. ניטאָ קיינער, קיין לעבעדיקער נעפעש נים! אַזוי פרי איז דער ברעג געווען ליידיק. נים קיין שיפל, נים מע באָדט זיך.

— ראַטעוועוועס!—האָט א געשריי געטון טשיקא און האָט א שלונג געטון ביטערע וואַסער.

— ראַטעוועס! איך טרינק זיך. — ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס וואַסער גיסט זיך אַליין אַריין צו אים אין גאָרגל.

טשיקא האָט פארצווייפלט אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט, נאָר די פיס האָבן זיך אים אָנגעגאָסן מיט בליי און זיי האָבן אים געשלעפט אַראָפּ. ס'איז אים אויסגעגאַן די קויכעס און... ער האָט אנגערירט דעם גרונט! דער גרונט איז געווען אונטער אים, און ער האָט געקאָנט שטיין.

ווי גליקלעך ער איז געווען! אַזוי ווי כיט הענט האָט אָפּגע-נומען די קעלט און די מידקייט. ער האָט גענומען שרייען מיט אַלע קויכעס:

— זאל לעבן רוסלאַנד! — און ער איז אַוועק צום ברעג.

נאָר ס'איז געווען נים גרינג צו גיין. דאָס וואַסער איז ביזן האַלז, דער גרונט איז באַדעקט מיט וואַסער-פלאַנצן, וואָס האָבן זיך געפלאָנטעט און געשטריקן אין די פיס. דערנאָך האָט ווידער-אַמאָל אָנגעהויבן גיין טיפער. ער האָט געמוזט אונטערשפרינגען ער זאָל זיך נים פארכלינען. מע וואָלט געדאַרפט שווימען. נאָר אַף דעם האָט בא אים קיין קויכעס נים געקלעקט.

ער האָט זיך אָפּגעהיט אביסל, קלאַפּנדיק מיט די ציין פון אופרעגונג. דערנאָך האָט ער זיך איינגעשטעלט און זיך א וואָרף געטון שווימען, ניט קוקנדיק אַף די קאָנוואולסיעס.

ער איז ניט געשוואומען. ער האָט געצאַפּלט, געשלאָגן מיט די הענט איבער דער וואַסער, געשלונגען, געשלונגען—און אַט האָט ער דערפילט זאַמד אונטער די פיס. ער האָט זיך געלאָזן גיין. אַט איז שוין די וואַסער ביזן גאַרטל. נאָר ער איז עפּעס געוואָרן שווער, די פיס האָבן אים ניט געהאָלפן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַף אַלע פיר און זיך גענומען פויזען אַפן גרונט, אונטערציענדיק זיך אַף די הענט. די פיס האָט אים צונויפגעצויגן, זיי זיינען געוואָרן הילצערנע און האָבן זיך ניט באַוועגט.

נאָך אן אָנשטריינגונג, נאָך איין אָנשטריינגונג! אַט איז א ווייס פּאַסיקל שוים, פייכטער און גלאַטער זאַמד... טשיקאַ איז אַרויסגעקראָכן אַפן טרוקענעם וואַרעמען זאַמד, אַ ווייכער, ווי א פּערינע, און איז געפאַלן כאַלאָשעס.

נאָר דער ברעג, אַף וועלכן ער איז געלעגן, איז געווען דער ברעג פון רוסלאַנד.

XII. אין רויטן רוסלאַנד

טשיקאַ איז געקומען צו זיך אן אויסגעמאַטערטער פון דער היץ און מיט שרעקלעכע שטעכעדיקע אין בויך. אַז ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען, אז ער ליגט מיטן פּאָנעם צו דער ערד, דאָס מויל איז אים פאַרשלאָגן מיט זאַמד, און די זון בראָט אים אין פּלייצע. דער קאָפּ האָט אים ווי געגאָסן, און די שלייפן האָט געקלאַפּט, און ער האָט גאָרנישט ניט געדיינקט. ס'האָט אים נאָכאַמאָל אַ שנים געטון אין בויך, און ער האָט זיך אופגעשטעלט אַף די פיס, נאָר די פיס האָבן בא אים געציטערט, און ער האָט אונטער זיך די ערד ניט געפילט. ער האָט זיך אומגעקוקט.

יאָם, זאַמד, אַ ברייטע קאָלוזשע — עפּעס אַזוי ווי אַ לאַגונע, געל-רויטע ערד, עטלעכע גרויע הייזער מיט רויטע דעכער און ערטערווייס גרינע ביימער.

נאָר — אוי! נאָכאַמאָל אַ שניט אין בויך. יאָ, טשיקאַ האָט זיך אָנגעזופּט מיט געזאָלצענער וואַסער מער ווי מע דאַרף. ער האָט זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין יאַם, זיך גוט אויסגעבאָדן, זיך אָפּגעפרישט און האָט אָנגעהויבן באַקוקן דעם ברעג.

אָט דאָס איז, — דאָס וואָס ער זעט פאַר זיך — רוסלאַנד, די קאָמוניסטישע רעפּובליק, דאָס לאַנד, וואו ס'האָט געזיגט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, דאָס פאָטערלאַנד פון העלדן, קעמפער! דאָס לאַנד פון לענינען, דאָס לאַנד, וואו ס'פלאַטערט פריי די רויטע פאָן, וואו ס'איז ניטאָ קיין פאַשיסטן, דאָס לאַנד, פונוואַנען דער פלאַם פון אופשטאַנד וועט זיך איבערוואַרפן אין אַנדערע לענדער און וועט אויסברענען ווי פעך די ליידן פון דער גאַנצער וועלט!

ער, טשיקאַ, אַ הוילער שנעקל, פון אָרעמע דער אָרעמסטער, איז אַרופגעטראָטן אויף דער ערד — ער איז דער גליקלעכסטער פון אַלע מענטשן!

ווי אַ קינד, וואָס לויפט אַנקעגן דער מוטער, האָט טשיקאַ צעעפנט די הענט און האָט זיך געלאָזן לויפן צום ברעג מיט אַ געשריי:

— רוסלאַנד! רויטע רוסלאַנד!

ניט ווייט פון אים האָבן זיך געבאָדן פרויען און מענער. אַנדערע האָבן זיך געפּלושקעט אין וואַסער און אַנדערע זיינען געלעגן אויפן זאַמד און אונטערגעשטעלט דער הייסער זון די פּלייצע אָדער די ברוסט. אַנדערע זיינען געווען ווייסע, ווי מילך, און אַנדערע—פאַרברענטע, בראָנזענע.

טשיקאַ איז געווען שרעקלעך הונגעריק. וואָס זאָל ער טון? ער איז דאָ אַ פרעמדער, אָן קליידער, אָן געלט, ער קען ניט דאָס לאַנד, ניט די מענטשן, און ערגער פון אַלץ, וואָס ער קען די שפּראַך ניט.

— איינגעזונקען זאָל איך ווערן, אויב איך ווייס, וואָס צו טון! — האָט ער א געשריי געטון.

ער איז אומעטיק געוואָרן. ס'איז צו אים צוגעקראָכן אַ איינגעלע פון א יאָר פיר, וואָס האָט געקליבן יאַם-שיסעלעך. אין איין הענט האָט ער געהאַלטן א שטיקל בייגל, מיט דער אנדערער האָט ער זיך געגראָבן אין זאַמד. טשיקאַ האָט אים א קוק געטון אין פּאָנעם, צעעפנט דאָס מויל און אַ שטעק געטון אַהין מיטן פינגער. — ווי איינער זאָגט: גיב עסן! נאָר דאָס קינד האָט ניט פאַרשטאַנען, זיך דערשראָקן, א קוויטשע געטון ווי א הינטל, א וואָרף געטון דעם בייגל און איז אַנטלאָפן מיט א געוויין.

טשיקאַ האָט אָפּגעטרייסלט דעם זאַמד פונעם בייגל און האָט אים אריינגעלייגט אין מויל אריין.

נאָר דאַס האָט נאָך מער צערייצט זיין הונגער. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ צווישן די קני און אַרומגעכאַפּט מיט די הענט די פיס.

א הויכער מוסקלדיקער מאַן, א ריין-געגאָלטער, מיט קאַשטאַן-העלע האָר, בלויע אויגן און א גוטמוטיק פּאָנעם איז געגאַן מיטן ברעג אין א בלויען באָד-אַנצוג. ער איז געגאַן פּאַמעלעך, זיך איינגעקוקט אינעם פייכטן זאַמד און צייטנווייס זיך אָנגעבויגן און אויפגעהויבן אַ יאַם-שיסעלע. אין איין אָרט, וואו די כוואַליעס האָבן צוגעשלאָגן אסאך שפּענדלעך, וואַסער-געוויקסן און יאַם-שיסעלעך, האָט ער זיך צוגעזעצט, און דעמאָלט ערשט האָט ער באַמערקט טשיקען.

— וואָס איז דאָס בא דיר אַזאַ ווייערע צורע? אַ? — האָט ער אַ שמייכל געטון.

טשיקא האָט אף אים אַ קיק געטון און, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען.

— Che dice a me? — האָט געפרעגט דאָס איינגל.

דער מענטש האָט פארכידעשט א קוק געטון אַף טשיקען און האָט ווידעראַמאָל געפרעגט:

— ס'האָט דיר עמעצער שלעכטס געטון, צי וואָס?

Non capisco nulla! —

דער מענטש האָט נאָך מער אויסגעגלאָצט די אויגן און האָט געזאָגט אף א ריינער איטאַליענישער שפּראַך:

— פאַרשטייסט דען קיין רוסיש ניט?

איצט האָט שוין זיך טשיקא פאַרכידעשט.

ער האָט א שפּרונג געטאָן און אַ פּלעסקע געטאָן מיט די הענט פון־שׂימכע.

— וואָס, איר זייט א איטאַליענער?

דער מענטש האָט א לאַך געטאָן.

— ניין, איך בין א רוסישער, נאָר איך קען רעדן אף איטאַליעניש.

— און איך בין א איטאַליענער, — האָט געזאָגט טשיקאָ — פון פלאָרענציע.

— ביסט שוין לאַנג אין רוסלאַנד?

טשיקא האָט זיך אביסל פאַרטראַכט. טאָמער איז דאָס א פּאַשיסט, אָדער אַ פּאַשיסטישער שפּיאָן. נאַרישקייטן, — האָט ער באַשלאָסן און האָט געענטפערט:

— ניין, ערשט פון אינדערפרי.

— וואָס הייסט פון אינדערפרי? — האָט זיך יענער פאַרכידעשט, — פון היינט אינדערפרי?

— יאָ.

— ביסטו געקומען מיטן יאַם?

— פאַרשטייט זיך, פונוואַנען זאָל איך נעמען אן עראָפּלאַן?

דער מענטש האָט זיך צעלאַכט.

— ביסט אראָפּ אין יעוופּאַטאָריע? — האָט ער אים גע־פרעגט.

טשיקא האָט נאָכאמאָל אָנגעהויבן איבערטראַכטן. אַנשטאָט ער זאָל אים ענטפערן אף דער פראַגע, האָט ער געפרעגט דעם אומ־באַקאַנטן:

— איר זייט אַ קאָמוניסט?

— פאַרשטייט זיך! וואָסי דען?

— א באָלשעוויק?

— א באָלשעוויק.

— נו, און איך בין אויך אַ באָלשעוויק.

— דו?

— איך.

— נאָר ווער-ושע ביסטו?

— איך? — טשיקא האָט א שטעק געטון מיט אַ פינגער זיך אין ברוסט און האָט מיט גאַדלעס געענטפערט:

— איך בין טשיקאַ פון סאַן-פרעדיאַנאָ.

— ווי? — האָט יענער געפרעגט. — וואָס זאָגסטו?

— טשיקאַ פון סאַן-פרעדיאַנאָ, — האָט איבערגעכאַזערט דאָס אינגל.

— סאַן-פרעדיאַנאָ? וואָס איז דאָס פאַר א זאַך — סאַן-פרעדיאַנאָ?

דאָס א״נגל האָט פאַרכידעשט אף אים אַ קוק געטון. קען דען זיין אַ מענטש אף דער וועלט, און נאָך א באָלשעוויק, וואָס ער זאָל נ״ט וויסן, וואָס אזוינס איז סאַן-פ״עדיאַנא.

— צי דען ווייסט איר ניט? סאַן-פרעדיאַנאָ! איר זייט אמאָל געווען אין פלאָרענציע, צי ניין?

— יאָ.

— איז אף יענער זייט אַרנאָ, — טשיקא האָט אַ מאך געטון מיט דער האַנט.

— אַף יענער זייט אַרנאָ — דאָס איז סאַן-פרעדיאַנאָ.

— אַ-אַ! סאַן-פרעדיאַנאָ איז, הייסט עס, אַ קוואַרטאַל אין פלאָרענציע?

— נו, יאָ, אונזער קוואַרטאַל, דער קוואַרטאַל פון די אָרעמע לייט. איך בין פונדאָרטן און מע רופט מיך טשיקאַ.

— נו, גוט, מע רופט דיך טשיקא און דו וואוינסט אין סאַן-פרעדיאַנאָ. און וואָס האָסטו געטון אין סאַן-פרעדיאַנאָ?

— גאָרנישט. איך האָב געפייגערט פון הונגער און בין גע-ווען א באָלשעוויק. איך בין געווען דער אָנפירער פון אלע אינג-לעך באָלשעוויקעס.

— און ביסט געקומען דערפאר קיין רוסלאנד?

— דאכט זיך, אז יאָ. דאָ איז דאָך רוסלאנד?

— פארשטייט זיך. דאָ איז קרים.

— איז מאַכע זייער גוט, — האָט געזאָגט טשיקאַ. — הייסט עס, אז איך האָב קיין מאָעס ניט געהאַט.

— און וואָס ווערסטו דאָ טון?

טשיקאַ האָט אויסגעשטעלט די אויגן אַף דעם מענטשן, דערנאָך האָט ער אַ קראַץ געטון דעם האלז-און-נאַקן, זיך צוגעזעצט אַנ׳ זאַמד און האָט געזאָגט.

— זייט אזוי גוט, בירגער, איר זייט אָקאָרשט ניט קיין שפּיאָן, אָדער אַ פּאָליציי-מאַן?

פון אַזאַ פראגע איז דער מענטש אינגאנצן צעטומלט געוואָרן.

— וואָס איז דיר דאָס איינגעפאלן פאַר אַ געדאַנק? — האָט ער געפרעגט.

— פאַרוואָס איז מיר איינגעפאלן אַזאַ געדאַנק? דערפאר, וואָס ניט אומזיסט ווען איר זיך נעמען אויספרעגן בא מיר: ווער בין איך, פונוואנען און ווי אזוי בין איך געקומען אַהער. כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט, אז איך בין אַ באָלשעוויק, אַז אין סאן-פרע-דיאַנאָ בין איך געווען דער אָנפירער פון אלע אינגלעך באָלשע-וויקעס. איר ווייסט, אַז אין איטאַליע זיינען פאַשיסטן, ווי הינט, און איר פרעגט מיך נאָך, וואָס בין איך געקומען קיין רוסלאַנד?

— דו ווילסט זאָגן, אַז דו ביסט אנטלאָפן פון די פאַשיסטן, אַז די פּאָליציי האָט דיך פאַרפאָלגט, ווי אַ פּאַליטישן?

טשיקאַ האָט אַ קנייטש געטון מיט די פּלייצעס: אָדער ער איז אַ טיפּעש און פאַרשטייט גאָרנישט ניט, אָדער ער מאַכט זיך פאַר אַ נאַר, און איז אַ שפּיאָן.

דאָס אינגל איז געוואָרן אין קאַס, ער האָט מיט שטאַרקייט אַ קוק געטון דעם מענטשן אין די אויגן אריין און האָט אַ געשריי געטון.

— ווײַ קומט אַהער פּאָליציי, דער רוח זאָל דאָס נעמען! אַזוי ווי מע מוז דאָרט האָבן פּאָליציי הינטער זיך, קעדיי מע זאָל

אַנטלויפן פון איטאַליע! איך בין אַ באָלשעוויק, און דאָרט זייַען פאַשיסטן, שמוץ, מיעסקייט! בעק זאָלן בלייבן דאָרטן, און איך — מענטש ווארטן! נו, בין איך אַוועקגעפאָרן פונדאָרטן און בין געקומען קיין רוסלאַנד. ווי אזוי בין איך געקומען — דאָס איז מיין זאַך! ניט פאַר אייער געלט — און פאַרטיק! און ס'איז ניטאָ וואָס צו רעדן!

טשיקא האָט זיך אופגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען.

— וואַרט נאָר צו, ס'אַרא מאָדנער דו ביסט, — האָט אַ געשריי געטון דער מענטש.

נאָר טשיקאַ איז אָפגעגאַנגען אַ טריט צוואַנציק, זיך צוגעזעצט אַפן זאַמד און גענומען קוקן אין יאַם אַ־יין. ער האָט בא זיך פעסט באַשלאָסן, ער זאָל מער קיין וואָרט ניט ענטפערן. ס'איז אים דערגאַנגען ביז טרערן.

— קעדאַי אינדערעמעסן! זיך דערשלאָגן ביז רוסלאַנד — און דאָרטן באַגעגענען אַזאַ אופנאַם.

דער מענטש האָט ניט געוואוסט, וואָס טוט מען. צוגיין צום אינגל — וועט ער בעמיילע אַנטלויפן. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט און איז צוגעגאַנגען צו עטלעכע מענטשן, וואָס זייַנען געזעסן ניט וויַיט אַפן זאַמד.

— אָט אַ באָדנעם יאַטל האָב איך געפונען! — האָט ער אַ געשריי געטון. — כוט נאָר אַ קוק אף יענעם אינגל. ער איז אַ איטאַליענער.

— אַ איטאַליענער? — האָט איבערגעכאַזערט אַ פרוי מיט שוואַרצע אויגן אין אַ גרינג וויַיס קלייד.

— ציקאַווע! ווער איז ער?

— ער זאָגט, אַז ער איז אַ פלאָרענטינער, פון סאַן־פרעדיאנא. בא אים איז זייער אַ מאָדנער נאָמען, מע רופט אים טשיקאַ. דאָס איז, אַפאָנעם, אַ צונעמעניש.

די פרוי און דער בלאָנדער מענטש מיט די בלויע אויגן, וואָס איז לעבן איר געזעסן, זייַנען אופגעשפרונגען און אַ געשריי געטון ביידע מיטאמאָל:

— טשיקאַ!

— קען דאָס זיין?

— דער מענטש האָט זיך געלאָזן לויפן צום אינגל.

— טשיקאַ! — האָט ער אַ רוף געטאָן דאָס אינגל, צולויפנדיק צו אים. — דו ביסט טאַקע טשיקאַ, ס׳איז אַן עמעס?

טשיקאַ האָט פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט גערעדט אויף איטאַליעניש. ווי אַ איטאַליענער.

— נו, יאָ, בין מאַרק פון די ביינער, — האָט געענטפערט טשיקאַ.

— דער באָלשעוויק פון סאַן-פרעדיאַנאָ?

— יאָ, דערזעלבער.

— ניניס כאַווער? דעם אומגליקלעכן ניני, וועמעס ברודער טשיקאַ איז צעמישט געוואָרן.

— וואָסי, איר קענט דען נינין און ווערען?

— וואָדען? און ברוטאָ און גאָסטאָ און טאָפּאָ.

— און כאָפּאָ?

— פאַרשטייט זיך. און פּלוטאָ..

— הייסט עס, אז איר זייט געווען אין פלאָרענציע?

— איך? ניין, איך בין אין דער צייט געווען אין מאָסקווע.

— איז פונוואַנען-זשע... פונוואַנען ווייסט איר?

— איך האָב געלייענט אַ בוך.

— וואָס פאַר אַ בוך?

— נו, וועגן דיר!

— וועגן מיר?

— נו, יאָ, דאָ האָט מען אָפּגעדרוקט אַ בוך וועגן דיר, ער רופט זיך „ניני און טשיקאַ קעגן די פאַשיסטן“.

— אַ איטאַליענישן בוך?

— ניין, אַ רוסישן.

— און אָפּגעדרוקט אין רוסלאַנד?

— פאַרשטייט זיך.

— אין רוסלאַנד וועגן מיר אָפּגעדרוקט אַ ביכל?

טשיקען האָט זיך דאָס ניט געלייגט אַף די געדאַנקען. ער איז געווען גרייט פאַרוואַרפן דעם באָכער מיט פראַגן, נאָר יענער איז שוין אַנטלאָפן צו זיינע פריינט.

„אָפּדרוקן וועגן מיר אַ בוך".—האָט געטראַכט דאָס אינגל.— פּונקט אַזוי ווי די בוקינישערעס? אַ גאַנצן בוך! דאָס, פאַרשטיי איך, איז אַ לאַנד, שוין אייגנטלעך אַ לאַנד!"

סערגיי האָט דערוויל דערציילט זיינע פריינט, אַז דאָס איז טשיקאַ.

— לאָז אָפּ, סעריאָזשאַ,—האָט געזאָגט די פרוי, זיין ווייב,— דאָס קען ניט זיין.

— וואָס הייסט ס'קען ניט זיין? איך האָב דיר די גאַנצע צייט געזאָגט, אַז דאָס איז ניט אויסגעטראַכט, אַז דאָס איז אַן עמעס.

— נאַרישקייטן! דאָס אינגל האָט פּאַשעט געהערט די מאַיסע און פירט דיך פאַר דער נאָז.

— וואָס רעדסטו, לענאַ, ער האָט זיך געכידעשט בער פון מיר. קום, וועלן מיר אַביסל מיט אים שמועסן.

אַלע דריי זיינען צוגעגאַן צום אינגל.

— דאָס איז, טשיקאַ, מיין פרוי. זי קען אויך איטאַליעניש, און זי איז געווען אין פלאָרענציע.

— שוין לאַנג ביסטו געקומען, אינגעלע?—אָט געפרעגט לענאַ.

טשיקאַ האָט אַף איר אַ קוק געטון פונויבן אַראָפּ—וואָס איז ער איר פאַר אַ אינגעלע?

— היינט אינדערפרי,—האָט ער געענטפערט טרוקן.

— מיט וועלכער שיף?

— וואָס איז אייער דאיגע,—האָט טשיקאַ אָפּגעשניטן. דאָס בלוט האָט זיך אים אַ וואַרף געטון אין פּאָנעם אַריין. וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרהער! וואָס בין איך, אַ שווינדלער, צי וואָס?

— קאָך זיך ניט, היץ-קאָפּ!—האָט פריינטלעך אים געזאָגט סערגיי.—וואָס איז דאָ פאַר אַ כידעש, אַז מיר ווילן וויסן פון וואָס פאַר אַ לעוואָנע ביסטו אַראָפּגעפאַלן? שוין דריי טעג, אַז דאָ זיינען ניט געווען קיין שיפן. דו האָסט מיט זיך נאָר דיין זאַק, און

מיר האָבן דיך קיינמאל אין די אויגן ניט געזעען. איז ווי אַזוי זאָל איך זיך ניט פאַרכידעשן? איצט איז דאָ זייער ווייניק מענטשן אף אונזער ברעג. און מע קען גוט אייגער דעם צווייטן, און דו ביסט אינמיטן דרינען, אזוי ווי פון זאמד ארויסגעקראָכן.

טשיקאַ האָט זיך אופגעהערט בייזערן און האט זיך צעלאַכט.

— איר זייט דאָך טאַקע גערעכט. מע דארף אייך דערציילן די גאנצע מאיסע. געקומען בין איך היינט אינדערפרי.

— מיט וועלכער שיף? — האָט געפרעגט סערגיי.

— מיט קיין שיף ניט. איך בין געקימען מיט אַ טערקישער פעלוגע פון קאנסטאנץ. די פעלוגע איז געגאַנגען קיין סעוואַסטאפאל. זיי האָבן מיר צוגעזאגט מיך ברענגען אַהינצו, נאר אנשטאט דעם, האָבן זיי מיר געהייסן שפרינגען אין וואַסער אריין. — ער האָט אַ וויַיז געטון מיט דער האַנט אפן יאַם.- מיינע זאַכן זיינען אלע געווען אין דעם זעקל. און דארט איז באַ מיר געווען אין גאַרטל אַ גאָלדענע מאַטבייע און לירעס. נאָר אַז איך בין אַריינגע-שפרונגען אין וואַסער, האָט געפלאצט איינער פון די רימענס און איך האָב דאָס ניט באמערקט און ס'איז אַלצדינג פאַרפאַלן געוואָרן.

— און ווי אַזוי ביסטו געקומען ביז קאָנסטאַנץ? — האָט גע-פרעגט סערגיי.

— און נאָך וואָס ביסטו געקומען קיין רוסלאנד? — האָט געפרעגט יענער אין בלויען אנצוג, וואס האט דער ערשטער אנגעהויבן רעדן מיט טשיקען.

דאָס אינגל האט שוין מער ניט געוואלט, אז מע זאל אים פרעגן, און האט זיך גענומען דערציילן, ווי אזוי ער האָט באשלאסן פארן, און וואס האט זיך מיט אים געטראפן אין וועג. בעשאס ער האט דערציילט, האבן זיך אלע געקאטשעט פון געלעכטער פון זיינע קאַטאַוועס און ווערטלעך. צייטנווייז פלעגן זיי אנקומען אַ טרויער, אז זיי האבן געהערט, ווי ס'ליידן די איטאליענישע ארבעטער.

אז דאס אינגל האט געענדיקט דערציילן, האט ליעבא אַ געש יי געטון.

— אָרעם, ארעם קינד! וואס-זשע וועסטו איצטער טון אָן גארנישט ניט? וואס טוט מען? — האט זי געפרעגט דעם מאַן.

— מיר וועלן גיין אָפּצען, — האט יענער פרייליך געענטפערט.

טשיקאַ האט אים געריאלט כאפן קישן. אזוי איז ער געווען הונגעריק. זיי האבן זיך גוט אנגעגעסן און זיינען אוועק מיט אַ שמאלן וועג. דער מאן אין די פרוי הודקאוו האבן פאנאנדער־געפרעגט דאס איינגל וועגן זיין רייזע. און ער האט זיך געוואלט דערוויסן טויזנט זאכן בינאמאל: וועגן רוסלאנד, וועגן קאמו־ניזם, וועגן די פירער פון קאמוניזם, וועגן דעם שווארצן יאַם, וועגן קרים, וועגן ביימער און פייגלען.

אז זיי זיינען געקומען אהיים און זיי האבן זיך געזעצט צום טיש, האט דאס איינגל פארגעסן די גאנצע וועלט. ער האט געריבן אַף ביידע באקן אלץ, וואָס מע האט אים געגעבן, און האט זיך אפילע ניט איבערגעריסן אַף זיינע נייע פריינט. און יענע האבן די גאנצע צייט עפעס געטאינעט מיט אנדערע מענטשן, וואס זיינען געזעסן באם טיש, געטאינעט און געטאינעט אלץ וועגן אים.

XIII. מאָסקווע

סערגיי כאריטאָנאָוויטש און זיין פרוי יעלענא זיינען ביידע געווען קאמוניסטן און האבן געארבעט אין מאסקווע. אפן זומער־דיקן אורלויב זיינען זיי געקומען קיין יעווּפּאטאריע פאריכטן דאס געזונט. שוין עטלעכע יאר, אז זיי האבן כאסענע געהאט. באקענט האָבן זיי זיך אין דער עמיגראַציע, האָבן צוזאַמען אַנטייל גענו־מען אין דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע, צוזאַמען געהונגערט אין די שווערע ביטערע יאָרן. קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאָט, און האָבן ארויסגע[illegible] [illegible]שיקן אַ יאַם מיט ליבע, אופמערקזאמקייט און זאָרגעוודיק[illegible]

—

אַ שאָ צוויי נאָכן מיטאָג איז לענאַ אַוועקגעפאָרן אין שטאָט און האָט פונדאָרטן געבראַכט דעם איינגל אַ העמדל, אַ פאָר הויזלעך און צו דעם אַ מאַטראָסיש היטעלע. דאָס איבעריקע

איינקריפן האָט מען אָפּגעלייגט אַף מאָסקווע. צו וועטשערע האָט לענאַ אַלעמען אָנגעגאָסן טיי, און טשיקאַ, וואָס איז געווען שטאַרק דאָרשטיק, האָט שוין אויסגעקוקט, אַז די באַרימטע טיי זאָל זיך אָפּקילן. אין איטאַליע טרינקט מען ניט קיין טיי, מע טרינקט נאָר קאַווע. און ס'איז אים געווען זייער ציקאַווע זיך דערוויסן, וואָס איז די פּאַר אַ זאַך.

און אָט האָט זיך דער טיי אָפּגעקילט.

טשיקאַ האָט צוגעטראָגן די גלאָז צום מויל און האָט אָנגעהויבן שפּייען. אַרום טיש האָבן זיך אַלע צעלאַכט.

— פֿע, דאָס איז דאָך אַ רעפֿוע, דאָס איז סאַם, ס'איז פֿאַסקודנע!

— ניין, — האָט לענאַ געזאָגט לאַכנדיק, — ס'איז בלעטער פֿונם טיי-בוים.

— נאָר איך האָב קיינמאָל ניט געטרונקען אַזוינע בלעטער, כ'האָב געמיינט, זי איז אַזוי ווי ביר.

— אַ, איך פֿאַרשטיי שוין, וואָס דאָס איז, האָסט נאָך ניט אַריינגעלייגט קיין צוקער, — האָט אַ געשריי געטאָן סערגיי. — אַ נו, פּרוּוו נאָר איצטער.

טשיקאַ האָט זיך פֿאַרקרימט, אַ זופּ געטאָן און זיך צעלאַכט.

— יאָ, איצט איז עפּעס אַנדערש. ס'איז כאָטש זיס.

אַזוי האָט זיך דאָס אינגל באַקענט מיט טיי. צוביסלעך האָט ער זיך צוגעוווינט צו אַלץ.

— נו, איצט — שלאָפֿן! — האָט געזאָגט סערגיי.

דאָס אינגל האָט זיך געזעגנט מיט סערגייען און מיט לענען און איז אַוועק שלאָפֿן.

נאָר אין אַ רעגע אַרום האָט זיך זיין פֿאַרשלאָפֿענע צורה באַוויזן אין טיר.

— זאָגט, דאָ איז דאָ אַ פּאָטשט? — האָט ער געפֿרעגט.

— פֿאַרשטייט זיך, וואָס איז?

— און קיין סאַן-פֿרעדיאַנאָ קען מען שיקן אַ בריוו?...

— מע קען, מע קען. נאָר איצט גיי שלאָפֿן. מאָרגן וועסטו אָנשרייבן.

— נו, גוט.

טשיקאַ איז אַרויס פֿון צימער.

— אָן אַ טערעץ מאָרגן, אַז איך וועל אויפֿשטיין, וועל איך אָנשרייבן. — האָט ער געטראַכט.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אַגאַנצן אינדערפֿרי ביז אַ זייגער צוועלף האָט דאָס אינגל געקרעכצט און געסאָפּעט איבער אַ לאַנגן, לאַנגן בריוו צו דעם אַלטן פֿלוטאָ.

*

דער כוידעש אין יעווּפּאַטאָריע איז דורכגעלאָפֿן גיך, און טשיקאַ האָט אים גוט אויסגענוצט. ער האָט געהאַט גענוג צייט אַף אַלץ. ער פֿלעג זיך באָדן אין יאַם, זיך בראָטן אַף דער זון, קאָמאַנדעווען מיט אַלע אַרומיקע שכייניש קינדער. ער פֿלעג זיי דערקלערן מיט געבראָכענע רוסישע ווערטער, ווי אַזוי דאַרף מען בויען באַריקאַדן, ווי אַזוי גראָבן טראַנשייען און אָנשיטן באַס-טיאָנען, ער פֿלעג פֿאַר זיי זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער אַף איטאַליעניש, און די קינדער פֿלעגן אים אונטערהאַלטן אַף רוסיש. אין דערזעלבער צייט פֿלעג ער פֿלייסיק לערנען באַ לענען די רוסישע שפּראַך און באַ סערגייען אַלגעמיינע לימודים: געאָגראַ-פֿיע, געשיכטע, נאַטורקענטעניש און אַריפֿמעטיק. גרויס פֿרייד האָבן אים פֿאַרשאַפֿט די שמועסן מיט סערגייען וועגן דער סענטשעלעכער געזעלשאַפֿט און וועגן פּאָליטיק.

[illegible]רגיי האָט וואָס ווייטער, אַלץ מער זיך איבערצייגט, אַז [illegible] יועט מיט דער צייט ברענגען גרויסע נוצן דער אַלגעמיי-נע[illegible]ך. ער האָט אָנגעשריבן וועגן אינגל אַ פּאָר ווערטער צו זיינע כאַווערים קאָמוניסטן, וואָס האָבן געוואוינט אין מאָסקווע.

דערווייל האָט זיך צוגערוקט דער דרייסיקסטער יולי, און מע האָט זיך גענומען קלייבן אין וועג.

טשיקאַ איז געווען אַפֿן זיבעטן הימל, טראַכטנדיק, וואָס פֿאַר אַ לאַנגע רייזע ס'שטייט אים פֿאָר. און דערמאָנענדיק זיך, אַז זיי פֿאָרן קיין מאָסקווע, האָט ער גאָר ניט געוואוסט, אַף וואָס פֿאַר

אַ וועלט ער איז פֿון סימבּע. קיין מאַסקווע! אין דער גרויסער שטאָט, אין דער הויפּטשטאָט פֿונם גרויסן פֿאַרבּאַנד פֿון רע־פּובּליקן.

דער גאַנצער וועג איז בּאַ אים געווען אַ יאַנטעוו. דער פּאַשעטער וואַגאָן, אין וועלכן זיי זיינען געפֿאָרן, האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אַ פּאַלאַץ. דער וועטער האָט זיך איינגעגעבּן אַ זעלטענער.

זיך אופּכאַפּנדיק גאַנצפֿרי אין וואַגאָן, האָט טשיקאַ פֿון זיין אייבּערשטער פּאָליצע געניִמען קרייען ווי אַ האָן. עפּעס אַ פּעפּער האָט אים דערפֿאַר אַוועקגעשיקט צו אַלדי רוכעס. דערנאָך איז טשיקאַ צוגעשטאַנען צום פֿענצטער און האָט זיך שוין פֿון אים ניט אָפּגעקלעפּט די גאַנצע צייט.

אומענדלעכע פֿעלדער פֿון צייטיקן ברויט האָבּן געכוואַליעט, ווי אַ גאָלדענער יאַם.

פֿאַר טשיקען איז אַלץ געווען ניי: די הייזער, די דערפֿער, און אַפּילע די קליידער פֿון די פּויערים. און דערנאָך האָבּן זיך אָנגעהויבּן וועלדער און סטעפּעס, וואָס ער האָט קיינמאָל אַזוינע ניט געזען. וועלדער שאָטנדיקע, גרינע און פֿרישע, און לאָנקעס ענלעכע אָף טונקל־גרינע טעפּיכער, אויסגענייטע מיט פֿאַרשידנ־פֿאַרבּיקע קווייטן. דער טאָג איז דורכגעפֿלויגן. ס׳האָבּן אָפּטער זיך אָנגעהויבּן דערפֿער. דערנאָך האָט זיך שוין געדאכט, אַז די דערפֿער האָבּן זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין אומענדלעך־לאַנגן דאָרף. ס׳האָבּן זיך באַוויזן הייזער מיט צוויי און אַפּילע מיט דריי שטאָקן און קלויסטערס אין אַ ווייטן גרינעם געפֿל, אין גאָלדענער שיין פֿון זון־פֿאַרגאַנג. מאַסקווע!

— טו נאָר אַ קוק, — האָט געזאָגט לענאַ — זעסט דאָרט אַ גאַנצן וואַלד פֿון קלויסטערס און קופּאָלן? דאָס איז דער קרעמל.

— דער קרעמל! — האָט באַגייסטערט אַ געשריי געטון דאָס אינגל.

דער צוג האָט פֿאַרקערעוועט, און אַלץ איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

דעם ערשטן מאָל האָט טשיקא דערזעען מאָסקווע איבאָוונט אָן אַן עק פֿורן, אַן אוילעם אין די גאַסן—אַרבעטער, אָנגעשטעלטע. שטראמען מענטשן, געבויגענע קרומע גאַסן און געסלעך, שיינע געביידעס, ביימער אַף ברייטע בולווארן, שפּרינגענדיקע און שרייענדיקע קינדער, טראַמוואַי-גלעקעלעך, הידען פֿון גלעקער, שיין פֿון עלעקטרישע לאַמטערנס אין דער שווינדל פֿון אַווטאָ-מאָביל-אויגאָנעס. אוי, ס'אַרא פֿריילעכקייט טשיקען איז געוואָרן באַרעכנט זיך נאָר, ווי בא אונז שרייען דאָס די פּאשיסטן פֿון אַלע זייטן, אַז רוסלאנד איז געשטארבן און אַז מאָסקווער פּלעצער זיינען פֿארוואַקסן מיט גראָז.

אָט זיינען זיי שוין געקומען אהיים אין הודקאָחס דירע. צווייי קליינע צימערלעך, דאָס נייטיקסטע מעבל און א יאם מיט ביכער. מ'האָט אַפּגיך אָפּגעגעסן. לענא האָט צונויפֿגערוקט צוויי אַלטע פֿאטער-שטולן, און טשיקא האָט זיך אויסגעצויגן אַף זיי און איז געשבאק אַנשלאָפֿן געוואָרן. אינדערפֿרי, בעשאס לענא האָט זיך געפּאָרעט, צוגרייטנדיק אָנבייסן, האָט סערגיי פֿון ערגעץ אַרויס-געשלעפּט א פּלאַן פֿון מאָסקווע און האָט באַוויזן טשיקען ווי אַזוי זיך מיט אים באַנוצן.

— דאָס איז דיר א מאטאָנע, אז דו זאָלסט זיך ניט פֿארבלאָנ-זשען. נו, איצט לאָמיר אָפּטרינקען טיי און גיין אף דער אַרבעט. ווילסט מיך באַלייטן?

— נו, יאָ. איך וויל. ווייז מיר וואו ארבעטסטו?

— אָט דאָ ניט ווייט פֿון קרעמל. פֿונדאָרט קענסטו זיך גיין וואוהין דו ווילסט באקוקן די שטאָט. זע נאָר, צו זעקס אזייגער זאָלסטו זיין אינדערהיים. אַניט פֿאַרשפּעטיקסטו ווארעמעס.

— לאַדנאָ, לאַדנאָ. — האָט לאכנדיק געזאָגט טשיקאַ אַף רו-סיש. ער האָט שוין זיך ארומגעטראָגן מיט עטלעכע רוסישע ווער-טער. ער פּלעג זיך סטארען וואָס וויניקער רעדן אַף איטאַ-ליעניש.

צו זעקס אַזייגער האָט זיך טשיקאָ אומגעקערט אַהיים, אַ כוים-מידער, אַ פאַרטשאַדעטער פון אַלץ, וואָס ער האָט געזען, פון סוי:נטער כידושים. אַ שלעפעריקער האָט ער זיך געזעצט עסן מיטאָג.

— נו, וואָס? אַ שיינע שטאָט מאָסקווע? — האָט געפרעגט סערגיי, — נו, וואו ביסטו געווען, וואָס האָסטו געזען?

— פריער בין איך אוועק גלייך, גלייך און בין ארויס אַפן רויטן פלאַץ. דאָרט איז דער קרעמל, און אף אים אַ רויטע פאָן, און וואָס פאַר אַ כורעמס, און דער זייגער שלאָגט דאָרט דעם אינטערנאַציאָנאַל, און באַם וואַנט קוואָרים. ס'האָט זיך מ'ר אויסגעדוכט, אַז דאָרט ליגט ניני. און צום סאָף פונט פלאַץ — אַ וואונדערלעכער קלויסטער, אַזוי ווי אַ שפּילעכל, און יעדער קופּאָל איז אַן אנדערער, און דערנאָך גייט אַ ברייטער פאַסאַזש. מ'האָט מיך אין אים אריינגעלאָזן. דערנאָך בין איך אוועק אַראָפּ. דאָרט זיינען די שענסטע גאַסן, און ווידער אַ קלויסטער, אַ ווייסער, אַ גרויסער, אַ גאָלדענער, סאמע איבערן טייך. מע רופט אים „טעמפּל“.

— „דער טעמפּל פון קריסטוס דעם אויסלייזער!“ — האָט זיך צעלאַכט לענאַ.

— יאָ. יאָ. אַזוי האָט מען געזאָגט. דערנאָך זיינען געווען בולוואַרן. איך בין געגאַנגען, געגאַנגען, געגאַנגען, דערנאָך האָב איך דערזען אַ גרויסע געביידע. און זיינע ווענט און אַלע ארומיקע הייזער זיינען געווען צעלעכערט. מיסטעמאָם האָט מען זיך דאָ געשלאָגן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע?

— באַ ניקיטער טויערן?

— דאַכט זיך.

— יאָ, דאָרט זיינען געזעסן די קאַדעטן. מיר האָבן זיי ארויסגעשלאָגן פונדאָרטן.

— דאָרט איז, מיסטעמאָם, געווען אַ טויערדיקער געשלעג.

— יאָ, יאָ, נאָר איך וועל דיר דערציילן אַן אַנדערס מאָל. לייג זיך שלאָפן, ס'קלעפּן זיך בײַ דיר די אויגן. מאָרגן וועלן מיר זיך נאָך געניג אָנרעדן.

XIV. גליקלעכע יאָרן

סאָף יולי האָט מען טשיקען אָפּגעגעבן אין שול. די שול איז געווען ווייט פון מאָסקווע, צווישן פעלדער און וועלדער. פריער פון אַלץ האָט זיך טשיקאַ פאַרשריבן פאַר אַ פּיאָנער.

גאַנצע טעג האָבן די קינדער פאַרבראַכט אונטערן פרייען הימל. דאָ האָבן זיי געאַרבעט, געלערנט און דאָ האָבן זיי געגעסן. די קינדער האָבן אליין געקאָכט, געראָמט. נאָכן לערנען פלעגן זיי לויפן צו מאָסקוואַ דעם טייך זיך באָדן, שווימען און זיך שיפן. טשיקאַ האָט שוין ניט שלעכט גערעדט אף רוסיש, און געשריבן אף רוסיש האָט ער שוין בעסער ווי אַף איטאַליעניש. נאָר זיין אייגענע שפּראַך האָט ער אויך ניט פאַרגעסן. אלע אָוונט, פון זינט ער איז אָנגעקומען אין שול, האָט ער זיך פאַרנומען מיט איטאַליעניש. סערגיי האָט מיט אים שטענדיק געטאַינעט, אַז קענען די שפּראַך איז אַ גרויסער אוצער, אַז ער דאַרף ניט פאַרגעסן קיין איין איטאַליעניש וואָרט, און שפּעטער, אז ער וועט איבערגיין אין דער שול פון דער צווייטער שטופע, וועט ער זיך דאַרפן אויסלערנען פראַנצויזיש, דייטש און ענגליש. טשיקאַ פלעג אָפט טראַכטן, וואָס וואָלט ער איצט געטון אין פלאָרענציע? ער וואָלט איצט אויך געווען אַן אומגליקלעכער יאָסעם, אָן אַ דאַך, נאַקעט און באָרוועס און אָן אַ שטיקל ברויט. און דערנאָך — וואָס וואָלט פון אים געוואָרן? מיט וואָס וואָלט ער פאַרדינט זיין אויסקומעניש: וואַשן געפעס בײַ אַ פּלוטאָ? מיט שווארצער ארבעט? צו וואָס נאָך וואָלט ער געטויגט—אַן אנאלפאבעט, ניט קיין גע־לערנטער? נו, יאָ, ער וואָלט ערגעץ אַף אַ פאַבריק געשלעפּט שווערע מאַסעס פאַר גראָשנס און וואָלט שטענדיק געציטערט

פאר ארבעטסלאָזיקייט, פאר הונגער. ער וואָלט געוועןן אַ קנעכט, וואָס ציטערט פאר זיין באלעבאָס. און וואָס טוט איצטער טאַטאַ? און די איבעריקע: דזיניא מוסקאַלאַ, סידזא און אלע, אלע אנדערע, מאָגערע, בלייכע, אויסגעהונגערטע, נאַקעטע קינ-דער, וואָס זיינען פון געבוירן אָן פארמישפּעט אויף אָרעמקייט, ליידן און קנעכטשאַפט. אָ, ווי גליקליך איז ער, טשיקאַ, וואָס ער איז געקומען קיין מאָסקווע! ווי ניט ענלעך איז אָט די נייע וועלט, וואָס דער ארבעטער האָט אויסגעבויט, אַף דער שרעקלע-כער מעלוכע פון קאפּיטאַליזם!

ס׳איז געוואָרן ווינטער. פאר טשיקען איז דאָס געווען אַ גרויסאַרטיקער ווינטער, פול מיט נייע, אומבאַקאַנטע איינדרוקן. מער פון אַלץ האָט אים געריררט דער יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. סערגיי האָט מיטגענומען מיט זיך דאָס איינגל אַף דער טריבונע, אַפן רויטן פלאַץ, און טשיקא האָט דערזען טויזנ-טער מענטשן, ער האָט דערזען דעם קייווער פון לענינען, דעם גרויסן קעמפער, דעם שאַפער פון נייער רוסלאנד. ער האָט גע-הערט די רעדע פון טראָצקין, און די רעדעס פון אנדערע כאַ-ווירים, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט פון דער גאַנצער וועלט.

זייערע רייד האָבן אים דערמאָנט דעם גאַנצן גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, זיין האַרץ האָט געציטערט פון פרייד, אז זיי האָבן געמאָלט פאַר אים די בילדער פון דער קומענדיקער פרייהייט-באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט, פון דער קומענדי-קער באַפרייאונג פון אַלע אַרבעטנדיקע. דערנאָך איז געווען אַ פּאַראַד. דאָס מיליטער איז געגאַן מיט מוזיק, מיט געזאַנג פון אינטערנאציאָנאַל, מיט געמאָסטענע טריט, אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע. ס׳איז פאַרבייגעגאַנגען קאַוואַלעריע אַף ברענענדיקע, שיינע פערד, דערנאָך איז דורכגעגאַן מיט א טראַסקעריי די אַר-טילעריע, און נאָך זיי—אַ ברייטער שטראָם פון אַרבעטער, קאָמו-ניסטן, קאָמיוג, רייען נאָך רייען פון אַלע ראַיאָנען פון מאָסקווע, פון די פאַבריקן און זאַוואָדן, רויטע פאָנען, פּלאַקאַטן, לאָזונ-גען, פרויען און מענער, אַלטע און יונגע, גליקלעכע, זיכערע

פענעמער. און איבער אלעמען—א לויטערער הימל, א זון, אַ צע-פינקלטע אין שניי. טשאטעס פלי-מאשינען אינדערלופטן, און אַן אופהער—א הילכיקער, צעקייקלטער געשריי:

— זאָל לעבן דער קאָמוניזם!

טשיקא איז ביז פארנאכט ניט אראָפּ פון דער טריבונע. דער-נאָך, ווען ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די מאַניפעסטאַציע איז געענדיקט, האָט ער פאַרלאָזן דעם פּלאץ. ערשט דעמאָלט האָט ער פארשטאנען, וויפל אוילעם ס'ציט זיך נאָך צום רויטן פלאץ. אַלץ גאַסן האָבן געקאָכט מיט מענטשן, געדיכטע, געדיכטע מאסן האָבן געוואַרט ביז ס'וועט קומען זייער ריי. מיט גרויסע שווע-ריקייטן איז אים אָנגעקומען איבערגיין פון איין גאס אף דער צווייטער: אַלץ נייע און נייע רייען פון זאוואָדן און אנשטאלטן האָט ער געזעען, וואָס זיינען געגאנגען אָנבייגן זייערע פאָנען פארן קרעמל, פאר דער פעסטונג פון פרייהייט, גערעכטיקייט און גלייכהייט, דעם לייכט-טורעם פון די אונטערגעדריקטע פון דער גאנצער וועלט.

יענעם אָוונט האָט טשיקא לאנג ניט געקענט אַנשלאָפן ווערן, כאָטש ער איז געווען זייער מיד. ער האָט פארגלייכט הייַנטיקע דעמאָנסטראציע מיט די דעמאָנסטראציעס, וואָס זיינען געווען אין פלאָרענציע. ער האָט פארגלייכט די לאגע פונם רוסישן ארבעטער מיט דער לאגע פונם ארבעטער אין איטאליע.

XV. דיסציפלין

אין דריי יאָר אַרום. ס'איז געווען נאָכן יאָנטעוו פונם ערשטן מאַי. טשיקעס קאָפּ איז געווען פארנומען מיט פלענער, ווי אזוי ער וועט אין צוויי יאָר ארום ענדיקן די שול און וועט איבער-גיין אין אַ העכערן אנשטאלט, אין קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט.

איז איינמאָל גאנצפרי צו אים אריינגעקומען סערגיי כארי-טאָנאָוויטש. טשיקא האָט זיך זייער דערפרייט און האָט זיך

געבידעשט, וואָס ער איז אזוי פרי געקומען,— אין דער צייט איז סערגיי שטענדיק אף דער שטעלע. בא סערגייען איז געווען ווייער אַן ערנסט פּאָנעם.

— טשיקא, מיר דאַרפן עפּעס רעדן, — האָט ער געזאָגט. — דו וואָלסט געוואָלט זיך אומקערן קיין איטאַליע?

טשיקא האָט אף אים א קוק געטון האַלב ערנסט, האַלב שמייכלענדיק.

— דו טרייבסט קאַטאָוועס, סערגיי!

— ניין. איך מיין דאָס אף אן עמעס. דו ווילסט קיין איטאַליע?

— ניין. פאַר קיין זאַך אין דער וועלט ניט,— האָט אַ געשריי געטון דאָס אינגל.

סערגיי האָט אים א קוק געטון אין די אויגן.

— פאַקע?

— ערן וואָרט!

— און אז דו וואָלסט דאָרט געהאַט אלץ, וואָס דו דארפסט?

— איך דאַרף גאָרנישט ניט—נאָר בלייבן אין רוסלאנד.

— נאָר איטאַליע איז דאָך דיין פאָטערלאַנד...

— דאָס איז אן עמעס, סערגיי. געבוירן געוואָרן בין איך אין איטאַליע, כאָטש איך ווייס ניט וואו און באַ וועמען. נאָר אין איטאַליע האָב איך זיך זייער לאַנג געמאַטערט. כ'האָב דאָרט געלעבט, ווי אַ הונט, און דאָ איז מיר די גאַנצע צייט געווען גוט. מ'האָט מיך ליב, מע לערנט מיך, איך בין געוואָרן אַ מענטש. אין איטאַליע האָב איך איצט קיינעם ניט. דעם אלטן פּלוטאָ האָט מען שוין אויך, מיסטאָמע, אַוועקגעטראָגן אַפן הייליקן אָרט. שוין צוויי יאָר, אַז איך האָב פון אים קיין בריוו ניט. דו ווייסט דען ניט, סערגיי, אַז דאָ איז באַ מיר אַלץ: אי דער היינט, אי די צוקונפט, און דאָרט — גאָרנישט! אז דאָ זיינען ראטן, און דאָרט פאשיסטישע שפעקנס.

— אָבער פאָרט — דאָ איז דאָך ניטאָ ניט דער קאַראַישער בריק, ניט דער אייזערנער, ניט פּיניאָנע, ניט אַרנאָ!

דאָס אינגל האָט זיך פאַרטראַכט.

— מיר איז דער קרעמל טייערער, יאָ, טייערער!

— נו, און אז מע זאָל דיר געבן די מעגלעכקייט דאָרט ווײַטער לעבן, לעבן רואיק, דיר עפענען א ביכער־קרעמל?

— אַף וואָס דאַרף איך דאָס? איך דאַרף נים!

— הייסט עס, אַז דו ווילסט פּאָשעט נים אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד?

— פאַרשטייט זיך, ניין! ניין!

— און פונדעסטוועגן וועסטו מוזן אַוועקפאָרן.

— מוזן?!—האָט אַ געשריי געטון טשיקא פאַרכידעשט און אופגעבראַכט.— וואָס הייסט עס?

—דאָס הייסט, אַז דו וועסט מוזן אַוועקפאָרן, נים־ווילנדיק.

— נים ווילנדיק? וואָס בין איך — א ספעקוליאַנט, צי וואָס?

— ניין. נאָר...

— וואָס טרײַבסטו מיט מיר היינט קאַטאָוועס? נו, אלצײַנס. זאָלסט וויסן,—איך וועל אין ערגעץ נים פאָרן, אַפילע די גאַנצע וועלט זאָל זיך איבערקערן מיטן קאָפּ אראָפּ. און אויב איר וועט מיך אַרויסטרײַבן, וועל איך זיך שטילערהייט אומקערן.

טשיקאַ האָט אַלץ נים געקענט פאַרשטיין, צי סערגיי רעדט אַף קאַטאָוועס, צי ערנסט, און דאָס האָט אים אופגעבראַכט.

— צראַלדי רוכעס!—האָט ער אַ געשריי געטון און אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין טיש.

סערגיי האָט זיך צעלאַכט.

— אָרעמער טשיקאַ! איך האָב דיך אומיסטן צערייצט, קעדיי זען, ווי שטאַרק דו האָסט ליב רוסלאַנד, נאָר דו וועסט פאָרט מוזן פאָרן. דאָס דאַרף אונזער פאַרטיי.

— אָ!—האָט אַ געשריי געטון טשיקא. ער האָט געשוויגן אַ מינוט און האָט געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קאָל:

— דאָס דאַרף די פאַרטיי? אויב אַזוי!... אויב אַזוי בין־איך גרייט.

ס'האָבן זיך באַ אים באַוויזן טרערן אַף די אויגן. סערגיי האָט אים געדריקט די האַנט.

— ביסט אַ וואַרילער יאַט, טשיקאַ, אַ בעריע אַ יאַט! דו ביסט ווערט צו זיין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

טשיקאַ האָט געשוויגן.

— יאָ, טשיקאַ, וועסט מוזן פּאָרן, וועסט ניט קענען ווייטער לערנען, וועסט ניט לעבן רואיק און וועסט ניט האַנדלען מיט קיין ביכער. דו פּאָרסט אַף קאַמף. וועסט עפּשער מוזן נאָכאַמאָל אַריינקריכן אין דיינע שמאַטעס, ווידער בעטלען, לעבן מיט דיין פריערדיק הינטיש לעבן...

נאָר דאָס אינגל איז שוין געקומען צו זיך.

— איז וואָס! אויב אַזוי וויל די פּאַרטיי? כ׳וועל דאָך פּאָרן צוליב דעם קאָמוניזם! אויב אַזוי, פּאָר איך, איך פּאָר מיט פאַר־גענינגן!

סערגיי האָט אים אַרומגענומען.

— אַי אַ טשיקאַ!

אין עטלעכע ווערטער האָט ער אים דערציילט אין וואָס ס׳גייט: איינעם אַ כאַוער, אַ רוסישן האָט מען אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד צוליב אַ וויכטיקן איניען. ער האָט געדאַרפט דורכפאָרן איטאַליע און פונדאָרטן קיין פראַנקרייך. מיט זיך האָט ער געהאַט אַ גרויסע סומע אין בריליאַנטן און שטאַרק וויכטיקע פּאַ־פּירן. ער איז אָנגעקומען קיין פּראַג, און פון דאָרט איז שוין פון אים מער קיין יעדיעס ניטאַ, קיין שפור ניט. מע דאַרף זיך דער־וויסן, וואָס איז מיט אים געוואָרן. צי ער האָט ניט אויסגעפירט זיין שליכעס און האָט צוגענומען זיך די בריליאַנטן? צי האָט ער פאַראַטן דעם קאָמוניזם און איז איבערגעגאַן אַף דער זייט פון די סאָנים? פאַרשטייט זיך, ס׳האָט זיך אַזוי אויך געקענט טרעפן, נאָר ס׳האָט זיך עפּעס ניט געגלויבט. דער כאַוער איז געווען אַ זיכערער, אַן אויסגעפּרואווטער אַרבעטער. דאָס איינציקע, וואָס מ׳האָט געקענט רעכענען, איז, אַז ער איז אַריינגעפאַלן צו די סאָנים אין די הענט. טשיקאַ האָט געדאַרפט העלפן געפינען דעם מענטשן, דאָס געלט און די דאָקומענטן.

— רעכט, סערגיי, איך בין גרייט.

— און מע וועט דיר צו וויסן געבן ווען דו דארפסט פאָרן. דערווייל זאָלסטו קיינעם קיין וואָרט ניט זאָגן.

— זײַ רואיק, איך פּלוידער ניט.

ער האָט באַלײַט סערגייען ביז דער טיר. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו זיך אין צימער, האָט זיך געזעצט אַף זײַן בעט און האָט צונויפגעדריקט מיט די הענט דעם קאָפּ.

— עך,— האָט ער געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטימע,— אַוועקגעגאַן דײַנע גליקלעכע יאָרן, טשיקאַ!

*

אין צוויי טאָג אַרום האָט אַן אויטאָמאָביל אַוועקגעטראָגן טשיקען צום ווינדאווער וואָקזאַל. דאָס אינגל האָט פון פענצטער פון שלאָף-וואַגאָן געקוקט, ווי ס'איז פאַרשוואונדן געוואָרן מאָסקווע מיט אירע קופּאָלן און פאבריק-קוימענס, וואָס האָבן געפינקלט אין גאָלד פון זון-פאַרגאַנג.

———